# דער יוד

DER JUDE

צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעד"ע וואך.

פערלאג: חברת „אחיאסף".



דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאהרליך —.5 רובל.
האלב יאהרליך —.3 „
פיערטעל יאהרליך 1.50 „
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — 2 „
דע 1טען אייגוסט — 1 „
איינצעלנע נומערן 15 קאפ.— 30 העללער.
ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ.



אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראנען
האלביאהריג —.6
פירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא. ענגלאנד —.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.



Krakau, 14 November 1901. נומר 45 קראקויא, כסלו תרס"ב.


## אינהאלט.


א) שותפישע ארבייט און שותפישע געשעפטען. י. ל.
ב) יודישע אריטע קראנקע אויפ'ן אדעסער לימאן. מענדל לעווין.
ג) פאליטישע איבערזיכט. י. ל.
ד) בריעף אויס ווארשוי. ישראל שווערגעמוטה.
ה) יודישע שטעדט און שטעדטליך. אמת.
ו) די יודישע וועלט.
ז) א שפיי. ערצעהלונג. ר.
ח) ער, זכרונו לברכה און זיין התנהגות. (פון פראסט חסידישען שטיינער). י. ל. פרץ.
ט) דרייפוס דער צווייטער. פעלעטאן. שלום-עליכם.


### ה. תרס"ב — וואכען-קאלענדער (לוח) — 1901

| חודש | וואך | ליסטאפאד־נאוועמבער | | נייער ס. נאוו. | אלט. ס. אקט. |
|---|---|---|---|---|---|
| ו' | זונטאג | | | 17 | 4 |
| ז' | מאנטאג | | | 18 | 5 |
| ח' | דינסטאג | | | 9 | 6 |
| ט' | מיטוואך | | | 20 | 7 |
| י' | דאנערס. | | | 21 | 8 |
| י"א | פרייטאג | | | 22 | 9 |
| י"ב | שבת | פרשת ויצא | | 23 | 10 |

| טאג | יאהר | קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע. |
|---|---|---|
| ו | ה. תר"ה | געשטארבען הר' יעקב קארלינער רב. |
| ז | ה. ק"מ | פאגראמען אין פאריז געגען יודען. |
| „ | ה. תר"ס | געשטארבען אין לידא הר' משה יצחק קעלמ'ער מגיד. |
| ח | ה. תרל"ב | „ ה"ר אהרן אדמו"ר פון טשארנאביל. |
| ט | ה תקפ"ט | „ ה"ר דוב בער אדמו"ר פון ליבאוויטש. |
| י | ה תקכ"ח | געהרג'ט עקדה"ש ה"ר קלמן צבי אין לאדעזין. |
| יא | ה. שע"ז | געשטארבען ה"ר משה מרדכי מרגליות רב אין קראקא. |
| „ | התרכ"ב | „ הג' ר' יחיאל העלער רב אין וואלקאוויסק. |
| יב | ה. של"ד | „ ה"ר שלמה לוריא (מהרש"ל) רב אין לובלין. |
| „ | ה. תקי"ז | „ ה"ר יצחק לאמפרונטי (פחד יצחק). |


### צו אבאנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE", Krakau, Gertrudy 16.

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf", Warschau, Postkiste Nr 25, mündlich: Twarda 6, Thür 4.

אין לאנדאן:
R. Mazin, Bookseller 100 Old Montague Str. London, E.

אין אמעריקא:
R. Kantorowitz, 4 Rutger Str. New-York

דער "יוד" איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פאסט אונטער דער נומער: 1920 a Nachtrag VII.

פערלאג חברת אחיאסף.

עס איז ערשינענען אין:

## טאשען ווערטערבוך

יודיש־־רוסישער

פון ישראל הומבערג.

ענטהאלט אלע ווערטער וועלכע געפינען זיך אין תנ"ך אי־בערזעצט אין רוסישער שפראך מיט מראה מקומות. ניצ־ליך פאר לעהרער און שילער און אלע וועלכע לערנען די העברעאישע שפראך.

געדרוקט זעהר שיין אין קליינעם פא־מאט אויף פיינעם פאפיער.

פרייז 1 ר', מיט פארטא 110 ר', געבונדען 130 ר' מיט פארטא 140 ר'.

Издаельство „Ахiасафъ", Варшава

פערלאג חברת אחיאסף.

## ערעפנעט

מיט דעם גרעסטען קאמפארט און היגיעניש איינגעריכטעט

### איין נייע זאלל פיר חתונות און בעלער

אונטערן נאמען „NOWA HARMONIA"

אין ווארשא גרזיבאווסקא Nr. 11 טעלעפאן Nr. 1443

אלם אמתיע פאבלייטע אין דיזער בראנזשע, נאך לאנגיאהריגען פראקטיק ביי דער פיהרונג פון איין זאלכער זאלל אויף דלוגא שטר׳ Nr. 12 טעלעפאן Nr. 1374 קענען מיר זיך דרייסט דעם געעהרטען פובליקום עמפפעהלען אז די סעודות און בעללער וועלכע ווערדען אין אונזערעם נייעם לאקאל געמאכט וועלען ענטשפרעכען דען העכסטען וואונשען און דעם גוסט דער געעהרטען פובליקום. ווי ביז אהער זא אויך פון נון ווייטער נעמען וויר אן בעשטעלונגען הייזיגע און פון דער פראווינץ. וויר עמפפעהלען זיך דער ריקזיכט דעם געעהרטען פובליקומים און פערבלייבען אכטונגספאלל

**BRACIA IGALSOHN.**

אנמערקונג. קיינע קאנדיטארייען בעזיצען וויר ניט. וויר נעמען א בעשטעלונגען נור אויף דעם אדט מינדליך, בריפליך אדער אויך פער טעלעפאן „Nowa Harmonia" נומר 1443 אדער Nouveaute נומר 1374.



די בעוואוסטע פאבריק פון גילזען מא־שינען:
X. Рiценбергъ, Варшава, Дикая 44.
ווירד פון 1-טען אקטאבער איבערגעטראגען אויף Новолипье 20.



אומזיסט פראספעקט פון חעמישע ווע־שעריי און בעטפעדערן רייניגונג
М. Салямонъ Бѣлостокъ Никол ул.

### !!! ВИМАНIЮ ДАМЪ !!!

**Контора модныхъ журналовъ и выкроекъ**

Подписка, продажа и высылка отдѣльн. нумерами всевозможныхъ заграничныхъ модныхъ журналовъ. Каталоги по трѣбованiю.

Я. А. Пожарикъ Варшава, Долгая 37.

---

עס איז ארויס פון דרוק

### שירי־שם

נאציאנאלע ליעדער און זרגאן

פון שמי־אבן.

פרייז 25 ק' מיט פארטא 30 ק'.

צו בעקומען ביי: Издательство „Ахiасафъ". Варшава.

Verlag „Achiasaf", Warschau.

## ראזירען אהנע מעסער!

מיין שער־פודער איז דאס בעסטע פיר האר און בארט, אין איין פאר מינוטען קאן יעדער מענש זיך זעלבסט ראזירען אהנע מעסער, בלויס עטוואס פידער מיט וואסער צו מישען און די האר דאמיט צו שמירען, די האר פערשווינדען און דער געזיכט ווירד זויבער און ווייס. מיין פודער איזט פון ערצטע עמפפאהלען. אין איז מותר מן התורה אפילו לכתחלה („נודע ביהודה תניינא" חלק יו"ד; „תפארת ישראל" מס' מכות; פתחי תשובה סי' קפ"א). איין שאכטיל פראנקא קאסטעט 1.20 פל. 1 רובל. 2 מארק. 2 שילינג. 2.50 פראנק. 4 שאכטעלן 3 רובל. 25 שאכטעלן 10 רובל. געלד מוז מען פאראויס איינזענדען, פער נאכנאהמע ווירד ניכט געשיקט. פראגען ווערדען נור אויף דאפעלט פאסט־קארטען בעאנטווארטעט.

J. B. Sakolsky, Place de l'Aurore 30. Antwerpen (Belgien).

**Вниманiю поставщиковъ съѣстныхъ припасовъ для войскъ.**

Попудная и повагонная продажа разныхъ малосольныхъ и копченныхъ рыбъ, какъ-то: судакъ малосольный и сухой, вобла, сопа, снитки, тарань, чиконъ, и проч. высылаетъ наложеннымъ платежомъ

**А. Г. Сельцовскiй** Варшава, Купеческая 11.

## אין לעמבערג

קאן מען אבאנירען דעם „יוד" לויט רעדאקציאנס־פרייזען, דורך דער פירמא

# Munk & Roth

**Kasimirgasse 17 (Fleischhackergasse 18).**

### מודעה.

ווער עס וויל לערנען לשון הקודש, רוססיש, דייטש, פאלניש, וועלט־שפראכע—עספעראנטא, קאן ער דאס אויספיהרען דורך די רעדאקציא פון הייז־לעהרער, וואס מיר רופען „הלמוד מרחוק".

אין די לעטצטע צייטען איז מען דערגאנגען, אז ווער עס וויל גאנץ ערנסט עפיס ערלערנען, און וויל אלין ארביישען, ברויך ער גאר נישט צו זעהען דעם לעהרער פאר די אויגען. ער קאן זיך אלעס אליין לערנען.

דיזען איפן בענוטצען מיר פיר אונזערע יודישע קינדער, הן זכרים הן נקבות, וואס ווילען אליין עפיס ערלערנען, עס זאל זיי נישט פיעל קאסטען, מיר האבען געמאכט פראבען וזעהען מיר אז אפילו פערשטאפטע קעפ קומען דאפון צו אזוי א תכלית וואס זוי האבען זיך גאר נישט געקאנט פאר־שטעלען. אויף יעדער שפראכע וואס מען וויל לערנען, ברויך מען נור איינשיקען לויט אונטענשטעהענדע אדרעססע וועניגסטענס איין רובעל, וועט מען בעקומען לעק־ציאנען, אין געדרוקטע העפטען אויף יודיש־דייטש, וואס א קינד פערשטעהט.

אלע העפטען זענען אויך צו בעקומען כמעט אין יעדער שטאדט ביי יעדען מוכר ספרים, אלזא קאן יעדער אויף דער פראווינץ פיר 12 קאפ׳ זיך קויפען א העפט און אנפאנגען זיך צו לערנען.

עס איז פערטיג:

1) די גאנצע העברעאישע מעטאדע „מורה שפת קודש" פון 24 העפטע מיט דעם בילד פון מחבר „הניך". פרייז 2,40 רו"כ
2) 22 העפטע „הויזלעהרער רוססיש" פרייז 2,20 רו"כ.
3) 8 העפטע „הויזלעהרער דייטש" פיר 1 רו"כ.
4) 10 העפטע „הויזלעהרער פאלניש" פיר 1 רו"כ.
5) די וועלטשפראכע „עספעראנטא". פרייז 25 קאפ.
6) 2 טהייל „היצנים" זאמעלביכער צום לעזען העברעאיש פיר אנפענגער. פרייז פיר יעדען טהייל 20 קאפ.
7) 1 באנד „כתבי הניך". פרייז 50 קאפ.
8) הומאריסטישע נאוועלען אין זשארגאן, פרייז 12 קאפ.

דען בעטראג קאן מאן צושיקען דורך פאסטאנווייזונג (פערעוואר).

פער נאכנאהמע ווירד ניכט געשיקט.

אדרעססע דער רעדאקציא:

Варшава, Новолипье 28 Г-жѣ Г. Нейманович.

III. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 45

דער פּרייז פֿיר רוסלאַנד:
גאַנץ־יאָהרליך —.5 רוביל.
האַלב־יאָהרליך —.3 רוביל.
פֿירטעל־יאָהרליך 1.50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאָהלען אין 3 ראַטען:
ביים אבאָנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפּריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אַדרעסע קאָסט 20 קאָפּ.

# דער יוד

צייטשריפֿט
פֿיר אַלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואָך.
פֿערלאַג: חברת „אחיאסף“.

אבאָנאַמענטס פּרייז יאָהרליך:
עסטרייך־אונגאַרן —.12 קראָנען.
האַלביאָהריג —.6 „
פֿירטעליאָהריג —.3 „
דייטשלאַנד —.10 מאַרק.
ארץ ישראל —.12 פֿראַנק.
אַנדערע לענדער —.15 „
אַמעריקא, ענגלאַנד —.10 שילינג.

פּרייז פֿון מודעות (אַנצייגען):
פֿיר יעדע קליינע שורה פּעטיט 20 העלער, 25 פּפֿעניג, 10 קאָפּ.

Erscheint Donnerstag.

קראָקויא, כסלו תרס״ב. נומער 45. Krakau, 14 November 1901.

## שותּפֿישע אַרבייט און שותּפֿישע געשעפֿטען.

I.

מיט אַ האַלב יאָהר צוריק האָבען מיר צום ערשטען מאָל בעריהרט די פֿראַגע פֿון שותּפֿישער אַרבייט. מיר האָבען דאַן אויפֿגעוויזען, ווי מען קען מיט קליינע מיטלען גרינדען חברות מיט בילינען קרעדיט און ווי מען קען פֿערגרעסערען דעם פֿערדינסט פֿון בַּעֲלֵי־מְלָאכות דורך שותּפֿישע אַרבייט. *) פֿון יענער צייט אָן איז די צאָהל פֿון קרעדיט־חברות און ארטעלען צווישען די רוסישע יודען שטאַרק פֿערגרעסערט געוואָרען. נייע קרעדיט־חברות זענען געגרינדעט געוואָרען אין סימפֿעראָפּאָל, גראָדנא, ביאַלאַסטאָק, דווינסק, וויטעבסק, האָמעל, קאָווטשיץ (מינסק. גוב.). נייע יודישע ארטעלען זענען געגרינדעט געוואָרען אין חערסאָן פֿון דאַמען־שניידערס, אין אָדעס פֿון שוסטערס, אין קישינעוו פֿון קירזשנערס, אין בענדער פֿון שניידערס, אין אַקערמאַן פֿון באָנדאַרעס, אין ניקאָלאַיעוו פֿון טרעגערס. עס איז אויך פֿון יודישע אַרבייטער געמאַכט געוואָרען דער אָנהויב צו עפֿענען אין בעסאַראַביען איין שותּפֿישע טאַבאַק־פֿאַבריק און אין יעליסאַוועטגראַד איין מאַשינען־פֿאַבריק. אין סאַראַטאָוו איז געעפֿענט געוואָרען פֿון 100 יודישע בעלי־מלאכות איין שותּפֿישע קראָם און אין אָדעס איז געעפֿענט געוואָרען אַ שותּפֿישע בעקעריי.

די ניכע אויסברייטונג פֿון קרעדיט־חברות און ארטעלען ווייזט אונז, אַז די שותּפֿות־חברות, וועלכע זענען ביז איצט געוועזען ביי אונז גאַנץ פֿעריינצעלט, הויבען איצט אָן צו פֿערנעהמען ביי אונז אַ וויכטיגען אָרט, און דערום איז עס נייטהיג זיך קלאָר צו מאַכען דעם ווערטה, וועלכען זיי קענען האָבען פֿאַר אונזער ווירטשאַפֿטליכעס לעבען.

חברות מיט שותּפֿישער אַרבייט און שותּפֿישע געשעפֿטען האָבען זיך שטאַרק אויסגעברייט איבער איירָאָפּא ערשט אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען. זיי זענען געגרינדעט געוואָרען אַלס מיטלען צו פֿערבעסערען די לאַגע פֿון די אָרימע קלאַסען. דורך די שותּפֿישע אַרבייט האָט מען געוואָלט פֿריי מאַכען דעם אַרבייטער אָדער דעם בעל־מלאכה פֿון דעם פֿאַבריקאַנט אָדער אונטערנעהמער, וועלכער נעמט צו פֿאַר זיינע קאַפּיטאַלען און פֿאַר זיין אונטערנעהמונג אַ געוויסען טהייל פֿון דעם אַרבייטערס פֿערדינסט, — און דורך די שותּפֿישע געשעפֿטען האָט מען געוואָלט אָבשאַפֿען דעם צווישענהאַנדעל פֿון די קרעמער, וועלכע נעהמען אָב ביי די אַרבייטענדע קלאַסען נאָך אַ פֿיעל גרעסערען טהייל פֿון די רוָחים ווי די פֿאַבריקאַנטען. עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אַז בעת אין די פֿעראייניגטע שטאַטען פֿון אַמעריקא דערגרייכט דער העכסטער רֶוַח ביי די פֿאַבריקאַנטען 22 פּראָצענט (געוועהנליך איז ער אָבער פֿון 5 ביז 14 פּראָצענט), איז דער ריוח ביי די קרעמער און הענדלער זעלטען נידריגער פֿון 30 פּראָצענט. דערזעלבער הויכער פּראָצענט פֿון פֿאָלקספֿערדינסטען, וואָס בלייבט איבער די קרעמער, איז אויך אויסגערעכענט געוואָרען פֿאַר פֿראַנקרייך. גוסטאַוו מייער האָט אויסגערעכענט, אַז פֿון די 8,000 מיליאָן מאַרק, וואָס דאָס דייטשע פֿאָלק גיט אויס ביי זיך. אין לאַנד, פֿאַלען אַריבער 2,700 מיליאָן מאַרק פֿאַר די קרעמער. דערזעלבער גוסטאַוו מייער האָט בערעכענט, אַז פֿון יעדע 1,000 מאַרק, וואָס גיבען אויס יעהרליך די 6 מיליאָן דייטשע שטעדטישע בעלי־בתים, קומט אויס אויף די אונטערנעהמער 37 מאַרק ריוח און אויף די קרעמער 333 מאַרק, און אַז אויף יעדע 500 מאַרק, וואָס גיט אויס אַ יאָהר יעדער פֿון די 4 מיליאָן דאָרפֿישע בעלי־בתים, קומט אויס 16 מאַרק ריוח אויף די אונטערנעהמער און 66 אויף די קרעמער.

ביי אַזוינע גרויסע רוחים, וואָס נעמט צו דער צווישענהאַנדעל, איז קלאָר, אַז די אָבשאַפֿונג פֿון קרעמער און הענדלער, וואָלט פֿאַר די אַרבייטער, בעלי־מלאכות און פּריקאַשטשיקעס איבערגעלאָזען אַ גרויסען טהייל פֿון זייער פֿערדינסט, וואָס געהט געוועהנליך אַריבער אין אַנדערע קעשענעס. צו דעם צוועק ווערען געגרינדעט שותּפֿישע אָדער חברה׳שע קראָמען, אין דערפֿער פֿון פּויערים און אין שטעדט פֿון אַרבייטער, האַנדווערקער, פּריקאַשטשיקעס, בעאַמטע און אָפֿיצירען. אין די שותּפֿישע קראָמען בלייבט דער ריוח פֿון קראָם פֿאַר די קויפֿער אַליין. ווערט אַ שותּפֿישע קראָם געגרינדעט פֿון אַ גרויסער צאָהל חברים, קריגט זי איהרע סחורות נאָך די בילינע מקחים פֿון אָנולנעס. די מקחים אויף סחורות זענען אין די שותּפֿישע קראָמען אַ סך בילינער און די סחורה איז אויך בעסער. קריגען געלד אויף אַ שותּפֿישע קראָם איז ניט שווער. יעדער חבר דאַרף אַריינטראָגען נור אַ קליינע סומע איינצאָהלנעלדע, און דאָס איז שוין גענוג צו עפֿענען אין אָנהויב, ווי עס פֿערשטעהט זיך, אַ קליינע קראָם; די חברים זענען זיך מתחייב צו

*) „דער יוד“ נו׳ 21: „קרעדיטפֿעריינען“, נו׳ 22: „חברות פֿון בעלי־מלאכות“.

קויפען נור ביי זיך אין קראָם. סוף יאָהר ווערען די רוחים צוטהיילט צווישען די קויפער לויט דעם אויסגעגעבענעם געלד. ווער עס האָט מעהר געגעבען צו לייזען, דעם קומט אוים אַ גרעסערער ריוח. די שותפות־קראָמען זענען צוגלייך אויך שפּאַרקאַסען. די שותפישע קראָמען שפּאַרען איין דעם קויפער אַנ׳ערך פון 20 פראָצענט. דורך דעם דאָזינען גרויסען נוצען פון די שותפות־קראָמען פאַר די אָרימע קלאַסען איז קיין וואונדער ניט, דאָס זיי האבען אין אַ גאַנץ קורצער צייט צוגעצוינגען צו זיך אין יעדען לאַנד הונדערטער טויזענדער חברים. די קאַפּיטאַלען אין די שותפות־געשעפטען וואקסען מיט אַזאַ גיכקייט, וועלכע מען האָט זיך קיינמאל נאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלען. פון דער ערשטער שותפישער קראָם, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין ענגלאַנד מיט 50 יאָהר צוריק אין דער שטאָדט ראָטשעלד מיט אַ קאַפּיטאַל פון 28 פונט שטערלינג, זענען איצט אין ענגלאַנד אויסגעוואַקסען 1535 שותפישע געשעפטען מיט אַ קאַפּיטאַל פון 20 מיליאָן פונט און מיט מעהר ווי $1\frac{1}{2}$ מיליאָן חברים. פון דער ערשטער שותפישער חברה אין בעלגיען „פרייע בעקער", וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1873 מיט 150 פראַנק, זענען ענטשטאַנען איצט 1800 חברות מיט 260 טויזענד חברים. פון אַנדערע לענדער וועלען מיר דערמאַהנען די קליינע שווייץ, וואָס האָט 344 שותפישע געשעפטען, 117,600 חברים מיט אַ אומזאַטץ פון 46 מיליאָן פראַנק אַ יאָהר. דייטשלאַנד האָט 1404 חברות, 800,000 חברים מיט אַ אומזאַטץ פון 250 מיליאָן פראַנק. אין פראַנקרייך זענען פאַראַן 1463 חברות מיט 475,000 חברים. עסטרייך האָט 715 חברות מיט איבער 200,000 חברים.

די פערדינסטען אין די שותפישע געשעפטען זענען אין דייטשלאַנד געווען (אין יאָהר 1896) 9 מיליאָן מאַרק, אין פראַנקרייך 15 מיליאָן און אין ענגלאַנד 128 מיליאָן מאַרק.

די גרויסע פערדינסטען פון די שותפישע געשעפטען גיבען זיי די מעגליכקייט אָבצוטהיילען גרויסע סומען אויף כלל זאַכען, ווי אויף גרינדונג פון שולען, ביבליאָטהעקען, ביליגע דירות, אומזיסטיגע מעדיצינישע הילף און הילף פאַר אָרימע. די ענגלישע שותפישע געשעפטען צום ביישפּיעל גיבען אוים יעהרליך אויף בילדונג 150,000 פונט שטערלינג.

די אויפגעפיהרטע ציפערן ווייזען גאַנץ קלאָר, וואָס פאַר אַ גרויסע ווירטשאַפטליכע קראַפט עס האָבען געקראָגען אומעטום די שותפישע געשעפטען אָדער ווי זיי ווערען אָנגערופען „קאָנסום־פעריינען". קוקענדיג אויף זייער גרויסע אויסברייטונג און דעם גרויסען נוצען, וואָס זיי האָבען געבראַכט די אָרימע קלאַסען, פרעגט זיך, צי איז ניט מעגליך זיך צו בענוצען מיט זיי אויך פאַר די פערבעסערונג פון דער יודישער מאַטעריאַלישער לאַגע. אויף דעם פאַריאָהריגען ציוניסטען־קאָנגרעס אין לאָנדאָן, בעת עס איז בעהאַנדעלט געוואָרען די ווירטשאַפטליכע פראַגע, איז אויך בקצור דערמאָנט געוואָרען די וויכטיגקייט פון שותפישע געשעפטען פאַר די יודען אין רוסלאַנד און אין גאַליציען. אויף דעם איצטיגען קאָנגרעס וועט די פראַגע איבער שותפישע געשעפטען געוויס ווידער געשטעלט ווערען, און עס איז דערום איצט די רעכטע צייט זיך קלאָר צו מאַכען זייער בעדייטונג, וואָס זיי קענען האָבען אי פאַר אונזערע בעלי מלאכות, אי פאַר אונזערע קרעמער און הענדלער.

י. ל.

---

# פעליעטאָן.

## דרייפוס דער צווייטער.

(בריעף פון מנחם־מענדל׳ן צו שלום־עליכם׳ן)

(פאָרטזעצונג *)

ראשית בּאתי להודיעכם, אז איך בין ברוך השם בּקו החיים והשלום; השם יתברך זאל געבען מע זאָל תּמיד הערכען איינם פון אַנדערען נור גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות — אמן. והשנית הנה ווייט וויסען אַז ס׳איז פאַראַן אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט וואָס זיינע וואונדער איז גאָר ניט צו בעשרייבען. איך האָב זיך נור וואָס אַרויסגעהאפּט פון איין אומגליק, וואָס איך מעג בענטשען גומל, ווארום איך האָב מיך שיער־שיער ניט אריינגעחאפּט אין געוואַנט אַריין. וועט איהר דאָך פרעגען וואָס פאַר אַ מחותּן איז מנחם מענדל מיט אַ טורמע? און איהר וועט חם־ושלום איבערטראַכטען אויף מיר מי יודע וואָס: אַ קשיה אויף אַ מעשה, אפשר האָב איך בעגנבה׳ט אַ קלויסטער, געחתמ׳עט אַ פאַלש קוויטיל, אונטערגעצונדען אַ בוידעם, אָדער געקוילעט איין אַקציזניק? שוועהר איך אייך גאָט זאָל מיר אַזוי אָנצייכנען אַ גוט קוויטיל צום נייעם יאָהר, אַז אָסור אויב איך ווייס אַפילו פאַר וואָס און פאַר ווען! באַשערט געווען איין אומגליק, ווי זאָגט איהר, צום שלים מזל טשעפּעט זיך און צו וואָס איך זאָל מיך ניט צוריהרען איז מיט דער פּוטער אראָב. הערט אַ שענס!

דאָס געדענקט איהר דאָך מן־הסתם, אַז איך בין אַריינגעטרעטען אין אַ ניי געשעפט, אין „אַקוויטעבעל", און האָב געשטראָפירט מענשען פונ׳ם טויט. בעדאַרפט איהר וויסען אז די ערשטע צייט האָב איך דוקא געמאַכט ניט שלעכט, געהאַט גאַנץ פיין פרנסה, חאָטש געטהון האָב איך גאָר ניט, ווי זאָגט מען קיין האַנד אין קאַלט וואַסער. וועט איהר דאָך פרעגען: פאַר וואָסערע מעשים טובים? בעדאַרף מען אייך קלאָהר מאַכען וואָס דאָס איז פאַר אַ געשעפט. דאָס געשעפט, פערשטעהט איהר מיך, איז אַזאַ געשעפט וואָס איז ניט גלייך צו אַלע געשעפטען. ביי אלע געשעפטען איז פאַראַן מוכרים און פאַראַן קונים און פאַראַן מעקלער; דער מוכר פערקויפט, דער קונה קויפט און דער מעקלער נעמט „קאַרטאַוש". דאָס געשעפט איז אַזאַ געשעפט, וואָס ס׳איז כמעט גאָר קיין געשעפט נישט; נישטאָ נישט קיין מוכרים, נישט קיין קונים, נישט קיין מעקלער. וואָס דען איז פאַראַן? פאַראַן ביכער מיט ביכליך אסך, מיט פּאַפּירען מיט אָבגעדרוקטע קאָנווערטען, מיט אַ גוומא אויסגעפוצטע אַגענטען מיט ווייסע שפּיציגע קעלנער, מיט פּאַפּירענע מאַנקעטען און מיט שענע אויסגעצייכענטע שניפּסען. איין אַגענט פערשטעהט איהר, בעדאַרף זיין אַ „וואוילער אַ יונג" מיט וואָנצים, מוז קענען שפּראַך, דאָס הייסט ער בעדאַרף קענען רעדען אָהן איין אויפהער, שיטען מיט ווערטער ווי פון אַ זאַק, און אַזוי לאַנג רעדען ביז ס׳זאָל יענעם נמאָס ווערען... און ער טאָר נישט אַראָבפאַלען ביי זיך טאָמער מאַכט זיך מע הייסט איהם געהן געזונדערהייט... און מחמת דאָס גאַנצע געשעפט ליגט דאָך ביי די אַגענטען אין די הענד, דעריבער זענען מיר, אַגענטען, בחשובות גדול, מע קייכעלט אונז און מע קרעפּעלט אונז, קוצעני מוצעני; וואָס מיר ווילען, פיהרען מיר אוים; אַניט טהו איך אַ שפּיי אויף „אַקוויטעבעל" און געה מיר אַוועק אין „נאַיאָריק" און רוף מיך קאָנקאָניסיל! אָט די צוויי חברות, „אַקוויטעבעל" און „נאַיאָריק" קאָנקורירען תּמיד, דאָס הייסט זיי שפּרונגען איינס איבערן אַנדערען און שלעפּען אַריבער צו זיך די בעסטע אַגענטען. למשל איהר דיענט אין „אַקוויטעבעל", איהר זענט „סופּאַגענט" אָדער „אינקוויזיטאָר" און איהר האָט שוין געצוינגען עטליכע קערבליך „אַוואַנץ", און געמאַכט האָט איהר נאָך לעת־עתּה גאָר נישט. קומט מען צוגעהן צו אייך פון „נאַיאָריק"

*) זעה נומ. 1, 2, 3, 1901 יאהר דער „יוד".

איז צו טהון. די שטיצע פאַר אַ שטאָדטישען אביון אין אָדעס איז אויך ניט זעהר גרויס. די אַלע קאָמיטעטען און צדקה־חברות פערגרינגערען זעהר וועניג די ביטערע לאַגע פון די צעהנדליגע טויזענדער יודישע אַרימע אין אָדעס און זענען בעשאַפען געוואָרען מעהר ניט ווי צו בעווייזען... אַז ניט מיט צדקה חברות און נדבות קען מען היילען די שווערע מחלה „אָרימקייט"... נאָר מיט אַנדערע, גאָר אַנדערע תרופות. ווער רעדט שוין וועגען אָרימע לייט — „אורחים" — פון פרעמדע שטעדט מיט זיי אינטערעסירט מען זיך לגמרי ניט — פאַר זיי טהוט מען גאָר, גאָר ניט און מען בעגעהט זיך מיט זיי ווי מיט ניט געבעטענע געסט... *) און עס איז קיין וואונדער ניט אַז די אַלע 1500 אָרימע „געסט" פיהרען אַזאַ פינסטערען יסורים׳דיגען לעבען אויפ׳ן לימאַן, שלאָפען אין שטאַלען אָדער אויף אַ שטיין אין דרויסען, הונגערען אָדער שפייזען זיך מיט האַרטען ברויט... פון קיינעם קיין מיטלייד, קיין רחמנות, פון קיינעם קיין שטיצע — קיין הילף.

וואו איז די יודישע בעריהמטע רחמנות — די יודישע בעוואוסטע „הכנסת־אורחים" ?...

* * *

עס איז שוין געווען פינסטער, אַז מיר האָבען געענדיגט אונזער שפּאַציר איבער אַלע הויפען. אויפ׳ן גאַס איז געוואָרען רוהיג, שטיל. די קראַנקע זענען שוין צוגאַנגען אין די „ווינקלען", שוין אַריינגעקראָכען אין די לעכער. פון פּאַרק, וואו עס שפּאַצירען די רייכע איינוואוינער פון לימאַן, האָט זיך געהערט שפּילענדיג מוזיק. דער ווינטיל האָט געבראַכט פון ווייטען שענע מעלאָדיען. צייטענווייז האָט זיך געהערט אויך אַ פרעהליכער אַ צופרידענער געלעכטער פון די שפּאַצירענדע. די עלעקטרא - בעלייכטונג פון וואָקזאַל האָט געוואָרפען ווייסע העלע שטראַהלען אויף דעם דונקעלען שטיל־רוישענדען לימאַן...

און עס האָבען העכער געקלונגען אין די אויערען די זיפצען פון די אָרימע קראַנקע און עס האָט פינסטערער אויסגעזעהן דער הויכער באַרג ארום די אָרימע הייזליך...

אַז איך בין שוין געזעסען אין וואַגאָן, צוריקצופאָהרען אין שטאָדט, פערטיעפט אין מיינע אומעטיגע געדאַנקען וועגען די אַלע צרות און ליידען, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צו זעהען אַ גאַנצען טאָג, איז ארויס אַ געדיכטער רעגענדיל, בעגלייטעט מיט אַ קיהלען ווינטיל. און וואָס ווייטער איז געוואָרען פינסטערער דער הימעל, געדיכטער דער רעגען און שטאַרקער דער ווינד. און וואָס ווייטער איז געוואָרען טרויעריגער אויפ׳ן האַרצען...

די בוימער פון פּאַרק האָבען אָנגעהויבען צו רוישען און צו טומלען; דער שטילער לימאַן האָט אָנגעהויבען קרעכצען, ברומען און שרייען...

אַ אומעטיגע, שווערע מחשבה האָט געדריקט און געריסען דאָס האַרץ — וואָס טהוען איצט די אָרימע קראַנקע, וואָס ליעגען אויפ׳ן גאַס, איבער וועלכע עס טאַנצט דער רעגען, דורך וועלכע עס דרעהט זיך דער ווינד ?...

מענדל לעווין.

*) אין לעצטען חדש פון היינטיגען סעזאָן איז געגרינדעט געוואָרען אַ קאָמיטעט פון קריסטען און יודען „צו העלפען אָרימע קראַנקע אויפ׳ן לימאַן". אָבער דערווייל אַרבעט נאָך ניט דער קאָמיטעט און פון זיין טהעטיגקייט קען מען נאָך ניט וויסען.

---

סס׳ט... קומט אַ יוד פונ׳ם „פּריזיוו", שרייבט מען אַוועק אין דער „גובערניע", אַז מע האָט „געשמירט"... אין דער "גובערניע" איז שוין לאַנג נמאס געוואָרען צו לייענען זייערע מסירות; אַז עס קומט אָן אַהין אַ בריוויל מיט׳ן שטעמפעל "פישי־יאבעדע" פליהט דאָס אונטערן טיש מיט אַ מי שברך...

נעקומען צופאָהרען קיין פישי־יאבעדע. בעדאַרף נאָט אַזוי פיהרען אַז איך האָב יאָהרצייט און נעה זיך דורך אין בית המדרש אַריין. געקומען מעריב צייט אין בית המדרש אַריין, פרעגט מיך דער שמש: פון וואַנען איז אַ יוד? זאָג איך: פון דער גאַרער וועלט. פרעגט ער: וואָס איז אייער טהועכץ? זאָג איך: איך בעוואָהרען מענשען נאָך׳ן טוידט. פרעגט ער מיך: מה שמכם? זאָג איך: מנחם מענדיל. מאַכט ער צו מיר: נאַט זשע אייך אָב שלום, און תיכף נאָך איהם שטעקען מיר אָב שלום נאָך עטליכע יודען און צווישען זיי צוויי יונגע לייט, איינער אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שאַרף נעזיל און מיט אַ נאַקדקע אַרויפגעוואָרפען אויף די אַכסלען, און דער אַנדערער אַ נידעריגער מיט איין אויג וואָס קוקט קיין צפון־זייט און שמייכעלט.

— זענט איהר, הייסט דאָס, יענער מנחם מענדיל טאַקי פונ׳ם „אַקוויטעבעל"? — מאַכט צו מיר דער לאַנגער וואָס מיט דער נאַקידקע, און יענער וואָס מיט׳ן איינגיל שמייכעלט.

— פון וואַנען ווייסט איהר? פרעג איך איהם.

— מיר ווייסען! — מאַכט ער צו מיר, און יענער וואָס מיט׳ן אייגיל שמייכעלט.

איך רוק מיך צו צו די צוויי יונגע לייט אַביסיל נעהנטער און הויב אָן ביי זיי אויסטאַפּען:

— ווי מיינט איהר אַ שטייגער, מע קען דאָ עפּיס מאַכען געשעפט?

— צווישען יודליך? — מאַכט צו מיר דער לאַנגער.

— צווישען אַחינו בני ישראל? — מאַכט יענער וואָס מיט׳ן אייגיל און שמייכעלט.

— מיט וועמען דען? — זאָג איך.

— פאַראַן! — מאַכט צו מיר דער לאַנגער און רופט זיך אָן צום שמש, אַז ס׳איז צייט דאַוונען מעריב. דער שמש טהוט אַ פּאַטש אין סטענדער און מיר שטעלען זיך דאַוונען מעריב. אָבנעדאַוונט קיצעלט מיך זעהר צוצוגעהן צום לאַנגען וואָס מיט דער נאַקידקע, שלעפּט איהם אַרויס יענער וואָס מיט׳ן אייגיל אין דרויסען און זיי לאָזען זיך געשווינד, ווי שטאַרק פערנומענע מענשען.

— וואָס חאַפּט איהר זיך אַזוי? — זאָג איך און לויף זיי נאָך פון הינטען — איך וויל אייך עפּיס פרעגען. איהר האָט אַ זאָג געטהון, אַז ס׳איז פאַראַן צו מאַכען געשעפטען, נאָר נישט מיט אַחינו בני ישראל. וואָס האָט איהר געמיינט דערמיט?

— מיר האָבען געמיינט דערמיט — רופט זיך אָן דער לאַנגער — אַז מיט אַ יודען איז גוט קוגעל עסען.

— און ליגען אויף איין בית הקברות — העלפּט איהם אונטער יענער וואָס מיט׳ן אייגיל און שמייכעלט.

— איך האָב מורא זאָג איך — אַז איהר זענט גערעכט.

— וואָס זשע זוכט איהר עפּיס נור יודען? — מאַכט צו מיר דער לאַנגער.

— און אַז סע זאָל זיך אייך טרעפען חלילה אַ כריסט? — מאַכט יענער וואָס מיט׳ן אייגיל און שמייכעלט.

— אַך! — זאָג איך — פאַר וואָס ניט?

— למשל אַ פּריץ? — מאַכט צו מיר דער לאַנגער.

— און אַ רייכער פּריץ דערצו? — לייגט צו יענער וואָס מיט׳ן אייגיל און שמייכעלט.

— מיט׳ן גרעסטען בזיון! — זאָג איך — אַנו גיט איהם נאָר אַהער!

— מע בעדאַרף זיך דורכפאָהרען צו איהם ניט ווייט אין דאָרף אַריין - מאַכט דער לאַנגער.

# פאליטישע איבערזיכט.

דער סכסוך צווישען פראנקרייך און טערקיי. — די לאגע אין חינא. — די מלחמה אין אפריקא. — דער באיקאט פון ארבייטער.

די פראנצויזישע רעגירונג האט זיך ענדליך ענטשלאסען צו מאכען אסוף פון איהר מהלוקת מיט טערקיי. טערקיי אין איהרע מחלקות׳ן מיט אייראפא פיהרט קיין מאל ניט אויס. זי פערעקשנ׳ט זיך און בלייבט ביי איהרע פאדערונגען נור ביז צו א געוויסער צייט. ווי אבער אייראפא הויבט אן צו נייטהען, מוז נאטירליך טערקיי נאכגעבען. דא איז ניט די רעד, צי טערקיי איז גערעכט אדער ניט. אייראפאס פאליטיק בעשטעהט אין דעם, דאס מען זאל אין די מזרח־לענדער פאר איהר בושה האבען, און אזוי ווי זי האט אויך די מאכט, איז זי שטענדיג אין שטאנד איהר ווילען דורכצוזעטצען. די טערקישע פאליטיקער רעכענען ניט אויס זייערע קרעפטען, ווען זיי לאזען זיך אריין אין סכסוכים מיט אייראפא. יעדער נייער סכסוך ברייננט דערום פאר טערקיי נור נייע בזיונות און נייע מפלות. אזוי איז עס אויך געווען אין דער איצטיגער מהלוקת מיט פראנקרייך. פראנקרייך האט לאנג געווארט, טערקיי זאל ערפילען איהרע פאדערונגען, און ניט בעקומענדיג קיין בעפרידיגונג פון טערקיי, האט די פראנצויזישע רעגירונג איצט געשיקט איהר פלאט צו די טערקישע גרענעצען. דאס האט אין טערקיי געמאכט א גרויסען רושם, און דער טערקישער הויף האט גלייך דעפעשירט, אז ער נעמט אן אלע פראנקרייכס פאדערונגען, נאר מען זאל דעם פלאט אברופען צוריק. וועט נאך זיין צייט אבצורופען צוריק די פראנצויזישע קריגסשיפען אדער ניט, איז דערווייל נאך ניט בעקאנט, ווייל די פראנצויזישע רעגירונג פערלאנגט ניט נור דעם הסכם אויף איהרע פאדערונגען, נאר אויך זיכערע גאראנטיעס, אז די פאדערונגען וועלען ערפילט ווערען. אלענפאלס איז דערמיט געענדיגט דער סכסוך, וואס האט אנגעמאכט גאר אומזיסט בייזעס בלוט אי אין אייראפא, אי אין טערקיי.

אין דעם ווייטערען מזרח, אין חינא ווערט די לאגע אלץ רוהיגער. מלחמות האבען אויפגעהערט, אבער דערפאר איז איינגעטרעטען אין דעם פעראַרימטען לאנד א גרויסע הונגערסנויט. הונדערטער טויזענדער חינעזער זענען געבליבען אהן שום מיטלען צו לעבען, און די אויסגעמאטערטע רעגירונג איז ניט אין שטאנד צו העלפען איהר אומגליקליכען פאלק. די צאהל פון די אייראפעאישע סאלדאטען, וואס זענען געבליבען אין חינא, איז גאנץ קליין. אפילו רוסלאנד הויבט שוין אויך אן אבצוציהען צוריק איהר חיל פון מאנדזשוריען. דער לארם, וועלכען עס האבען אויפגעהויבען די ענגלישע בלעטער, אז רוסלאנד נעמט צו מאנדזשוריען, האט זיך ארויסגעלאזען מיט א פוסטען שרעק. די רוסישע רעגירונג האט גלייך פון אנהויב מלחמה מודיע געווען, דאס זי האט ניט אין זינען צוצונעהמען ערד פון חינא, נאר ענגלאנד האט איהר ניט געגלויבט, זי האט נאכגעפארשט איטליכען רוסישען טריט און כמעט ניט אנגעהעצט יאפאן מלחמה צו האלטען מיט רוסלאנד איבער מאנדזשוריען. איצט אבער שטעלט זיך ארויס, אז די רוסישע רעגירונג האט געהאלטען איהר ווארט. נאך דעם נייעם קאנטראקט מיט חינא, האט זיך רוסלאנד מתחייב געווען אין משך פון צוויי יאהר אבצוציהען איהר חיל פון מאנדזשוריען. איבערגעבענדיג צוריק דאס איינגענומענע לאנד דינגט זיך נור רוסלאנד אויס געוויסע רעכטע, ווי למשל: חינא טאר קיין פרעמדע אונטערטאנען ניט געבען קיין שום קאנצעסיעס אין מאנדזשוריען חוץ רוסישע; דער חינעזישער חיל אין מאנדזשוריען טאר ניט נעהמען קיין אנדערע אויסלענדישע אפיצירען אויסער רוסישע. די דאזיגע רעכטע צוזאמען מיט די אייזענבאהנען, וועלכע רוסלאנד האט אין מאנד־

— קיין פעטשיחוואסט — לאזט אויס יענער וואס מיט׳ן איינגיל און שמייכעלט.

— פאר וואס ושע זאלט איהר זיך ניט דורכפאהרען? — זאג איך.

— וואו ושע האבען מיר צייט? — מאכען זיי ביידע מיט אמאל.

— איך מיין דאס דען חלילה אומזיסט? — זאג איך — וויפיעל מע וועט פערדינען וועט זיין יחדיו! איך בין, זאג איך, א יוד וואס קאטארי ווי דער דייטש זאגט: „לעבען און לעבען לאסען"...

— וויפיעל קען מען דערביי פערדינען? — פרעגען זיי.

— עס ווענדט זיך — זאג איך — אין וואס פאר א קאפיטאל מיר וועלען איהם אבשטראפירען, עס קען ווערען דערפון א הונדערטער, אדער צוויי, און אפשר מעהר. איהר וועט דאס ארויסווארפען?

— עס קען זיין או איהר זענט גערעכט — מאכט דער לאנגער.

— א הונדערטער געהט ניט צו פוס — ליינט צו יענער וואס מיט׳ן איינגיל און שמייכעלט.

— ווי אזוי ושע בלייבט דאס? — זאג איך צו זיי.

— אויפ׳ן שטייגער — זאגט דער לאנגער — וועלען מיר זיך אם ירצה השם מארגען זעהען אין בית המדרש? איהר האט דאך יאהר־צייט... נאר איין זאך וועלען מיר אייך בעטען ס׳זאל זיין בסוד.

— מחמת מע קען דא קאלי מאכען — העלפט אונטער יענער וואס מיט׳ן איינגיל און שמייכעלט.

— אדרבה, איך האב א י י ך געוואלט בעטען ס׳זאל זיין בסוד — זאג איך און מיר צעגעהן זיך איטליכער אין זיין וועג אריין.

געקומען אויף דער אכסניה חיים איך מיר קאכען וועטשערע. זעצט זיך צו צו מיר דער בעל־אכסניה און הויבט מיך אן צו טאפען:

— פון וואנענט איז א יוד?

— פון אויסרייסען.

— וואוהין פאהרט מען?

— קיין האצעקלאק.

— וואס איז אייער טהועכץ?

— אלץ וואס מע טאר ניט.

— ווי אזוי רופט מען אייך?

— אזוי ווי מע האט מיר אנאמען געגעבען.

— וואס טהוט איהר היע?

— איך האב יאהר־צייט.

— נאך וועמען?

— נאך א לעבעדיגען פעטער...

הקצור ער זעהט או ער וועט ביי מיר ניט אויסטאפען גאר ניט, געוואהרע ווערען נישט א לעק; דרעהט ער זיך אויס, פערלייגט די הענד אהינטער און הויבט אן זינגען... א גאנצע נאכט נאכדעם האב איך ניט געקענט אנשלאפען ווערען. עס האבען זיך מיר געפלאנטעט אלערליי חלומות. עס האט זיך מיר געחלומ׳ט א פריץ, דער פריץ שארט מיר צו נאך א פריץ, און יענער פריץ נאך א פריץ, אהן א שעור פריצים! און אלע שטראפירען זיך ביי מיר, ווער אויף צעהנטויזענד, און ווער אויף צוואנציג טויזענד, און ווער אויף מעהר. „אקוויטעבעל" איז העכסט צופריעדען מיט מיין ארבייט. אלע וואך. אלע וואך שיק איך אוועק מיין ווייב א הונדעטער, און זי שעלט מיך מיט טוידטע קללות, למאי איך קום שוין ניט צופאהרען א היים. „שעלט, שעלט, טראכט איך מיר — איך וועל דיר אלץ שיקען א הונדערטער א וואך!" איך דאנק און לויב גאט, וואס ער האט אזוי געפיהרט אז איך בעדארף גראד איצטער האבען יאהר־צייט, קומען קיין פישי־יאבערע אין בית־המדרש אריין און בעגעגנען זיך מיט די צוויי פארשוינען — א בעשערטע זאך!

(פארטזעצונג קומט).

זשוריען, וועלען נאַטירליך אייביג אוועקשטעלען דאָס לאַנד אונטער רוסלאַנדס איינפלוס, אָבער אַלענפאַלס בלייבט דאס לאַנד, לכל הפחות דערוויילֹ, צוריק אין די חינעזישע הענד.

אין אַפריקא איז קיטשענער נאָך אַלץ פערנומען אין געיעג נאָך דעם בויערשען גענעראַל באָטהאַ. וויפיעל מאָל האָט ער שוין געהאַט דעפעשירט, אַז באָטהא איז אַרומגערינגעלט, אַז באָטהא איז שוין נאָהענט, אַז זיין חיל האָט זיך בעגעגענט מיט באָטהאס סאָלדאַטען, אָבער באָטהאַ רייסט זיך אַלץ ווידער אַרויס פון זיינע הענד. איין דייטשעס וויטץ־בלאַט האָט אויפגעמאָלט קיטשענער'ן, ווי ער שטעהט מיט אַ גרויסען שפּאַקטיוו און זוכט אין דער ווייטענעס צו דערזעהן באָטהאַ'ן, און באָטהאַ, שטעהט הינטער איהם און שטעלט איהם אויס אַ נאָז. דאָס בילד טראָגט דעם נאָמען: „וואו איז באָטהא?

ערשט האָט קיטשענער דעפעשירט, אַז ער שטעהט נאָהענט נעבען באָטהאַ'ן, מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער דעפעשירט ער, אַז באָטהאַ איז נור מיט עטליכע סאָלדאַטען קוים אַנטלאָפען געוואָרען, און היינט דעפעשירט קיטשענער ווידער, אַז באָטהא איז אַרויפגעפאַלען אויף איינעם פון זיינע הינטערסטע פולק און האבען מנצח געוועזן די ענגלענדער. דער ענגלישער פּאלקאָווניק, 10 אָפיצירען און 58 סאָלדאַטען זענען דערהרגע'ט, 13 אָפיצירען און 166 סאָלדאַטען זענען פערוואונדעט. פאַר די מלחמה אין אַפריקאַ זענען אַזוינע צאָהלען זעהר גרויס. די אומגעריכטע מפּלה פון ענגלישען חיל האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען טרויער אין ענגלאַנד.

די אַרבייטער פון האלאַנד און פראַנקרייך אַניטירען שטאַרק, מען זאָל נייטהען ענגלאַנד שלום מאַכען מיט די בויערען דורך אַ חרם (באָיקאָט), וואָס מען זאָל אַרויפלעגען אויף די ענגלישע שיפען. די אַרבייטער ווילען אָבמאַכען צווישען זיך, אַז מען זאָל ניט אויסלאָדען אָדער איינלאָדען ענגלישע שיפען. דערמיט וועט אָנגעטהון ווערען אַ גרויסער שאדען דעם ענגלישען האַנדעל, דאָס, מיינען די אַרבייטער, וועט נייטהען ענגלאַנד נאָכצוגעבען. די אַרבייטער פון פיעל פּאַרטען האָבען שוין דערצו געגעבען זייער הסכם.

י. ל.

---

## בריעף אויס וואַרשוי.

אין אַזאַ גרויסער שטאָדט ווי וואַרשוי, מוזען זיין גרויסע לייט; און אַז גרויסע לייט שטאַרבען, זענען גרויסע לוויות.

און יענע וואָך זענען דאָנערשטאָג און פרייטאָג גרויסע לוויות געוועזן!

לעער זענען געוועזן די גאַסען, די רעסטאָראַנען, קאָנדיטאַרייען, קאַפעען; אין די גערטען האָט מען געקאָנט עובר זיין אויפ'ן נאַנצען שלחן־ערוך, אונזערן צי זייערן, אָהן עדות; פאַר דאָס איז פול געוועזן דאָס בית־עלמין, עס האָט געווימעלט אויפ'ן בית־הקברות'!

און ווער האָט זיך דאָרט דאָנערשטאָג און פרייטאָג נישט געטראָפען?

דער ווירטה מיט'ן לאַקאַטאר, דער מלוה מיט'ן לוה, דער ברויט־נעמער מיט'ן ברויט־געבער — אַלע האָבען זיך אָנגעקוקט און אָבגעקרעכצט:

— וואָס איז ווערט—האָבען זיי געטראַכט—אונזער פריינדשאַפט און אונזער האַס, אונזער קאָנקורענץ און אונזער הילף, אונזערע טענות, סכסוכים, קאָנטראַקטען און וועקסלען?

פלוצלינג האָבען זיך אַלע אַלס מענשען דערפיהלט! נאַטירליך נישט אויף לאַנג! נישט אויף לאַנג „נעמט זיך אַ לעבענדיגער צום האַרץ!" דאָס לעבען איז אייזען און שטאָהל, די מאָראַל „הויך — ווייך און אָנגעבלאָזען!" אין טויער פון קברות קומט אַמאָל אריין אַ מענש, נאָר אַרויס געהען שוין צוריק חיות־רעות...

גוט איז דאָך אַ ליכטיגע מינוט ביי ווילדע משוגעים! אַ לויה, אַ יום־כפור, אַפילו אַ יום־כפור־קטן!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דאַרף איך אייך זאָגען וועמעס די גרויסע לויות זענען געוועזן? „קינד־און־קייט" ווייסט, אַז „נתבקש בישיבה של מעלה" איז געוואָרען ר' זיינוווילע, דער עלטסטער וואַרשויער דין, כמעט וואַרשויער רב און איז געקומען צו קבר־ישראל דאָנערשטאָג!...

צורודערט זענען געוואָרען די מתים:

— ווער פערטרייבט אונז — קלאָגען זיי זיך — דעם זיסען שלאָף אָהן חלומות, און הרהורים־רעים, פון די אויסגעגעסענע אויגען־לעכער?

— צי האָט זיך עמיץ פון אויבען בעוויזען און אונטער זיינע טריט ציטערט אַזוי די ערד?

— וואָס טאַנצען, ווי שכּור, די מצבות?

— און וואָס טרעט צווישען די קברים, צי געהט מיליטער אויף ערגיץ אַ מלחמה?

אַזוי פרעגען די מתים, און דער הספד ענטפערט זיי:

— ר' זיינוווילע געהט צו'ן אייך, ר' זיינוווילע!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— מען מוז איהם נוט אויפנעהמען—טראַכטען די מתים!

אַ קליינינקייט 40 יאָהר „כמעט מרא־דאַתרא" אין וואַרשוי! וויפיעל קדושין האָט ער מסדר געווען? וויפיעל גט'ן, עכטע כשר'ע גט'ן האָט ער אין קהל־שטוב און ביי זיך אין דער היים אויסגעריכט!

וויפיעל מאָל איז ער אויף כסא של אליהו געזעסען! וויפיעל חליצות האָבען פאַר איהם געשפּיגען!

און וויפיעל דין־תורה'ס האָט ער גע'פסק'ט, וויפיעל פשרות געמאַכט, און וויפיעל נולדים ונפטרים אויס—און איינגעשריבען!

און ווער וועט איבערצעהלען, וויפיעל הכשרים ער האָט אַרויסגעגעבען! פאַר פסח — אויף מיהלען, אויף בעקער־אייוועז, אויף מצה־מעהל, אויף מצה־געוועלבער, אויף פּאַפּירענע מצה־טעצליך וכדומה און אַ גאַנץ יאָהר—אויף ווײַנען, פליישען און אַפילו אויף פוטער פון פערשיעדענע קרייטעכצער!

און וויפיעל נשים, און וויפיעל טעפיל־לעפיל ער האָט גע'אסר'ט און מתיר געווען!

נישט קיין לעבענדיגער און נישט קיין טויטער וועלען עס בערעכענען! צעהל דאָס זאַמד ביים ים, די שטערן אין הימעל!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און דער מספּיד קלאָגט:

„די שחיטה האָט ער געהאַלטען ביד־רמה!"

„נישט געלאָזט, אַז ווער עס איז, פון וואַנען עס איז, זאָל קומען מיט אַ סמיכה אַפילו פון מאה־רבנים און אויסציהען אַ חלף!"

„כל־זמן ער האָט געלעבט, האָט אַ וואַרשויער יוד געוואוסט וואָס ער עסט, וועמעס פלייש ער עסט!"

און —

"יודישע קינדער האָט ער מיט מלמדים פערזאָרגט... אַ סך מלמדים! אַ סך תורה, ווייניג תורה! אַבי נישט קיין ליטווישע עברי — ווער מלמד! און מלמדים האָבען זיך געמעהרט כּחול־הים, קינדער האָבען זיך אויסגעלערנט דאַוונען און חומש לערנען און יודען האָבען פּרנסה געהאַט!"

"און אַ מרוצה־לקהל איז ער געוועזען!"

אַ לב־טוב, איין עין־טוב — פֿאַר אַלע גוט!

פֿאַר אַלע האָט ער געהאַט אַ פֿריינדליכען בליק אין די ליכטיגע אויגען, אַ זיסען שמייכעל אויפ'ן גלאַנצענדיגען פּנים, אַ גוט וואָרט אויף דער גלאַטער צונג און איין אויסגעצוינגענע, ווייכע, וואַרימע האַנד—פֿאַר אויסגעקיהלטע דייטשען, ברענענדיגע חסידים, אויסגעטריקענטע מתנגדים,— דעריבער זענען אַלע צו דער לויה געקומען, און ווען אַלע טרעהרען זאָלען אַריינשווימען אין קבר, וואָלט דער אָרון, וואָס מען וועט אַריינלאָזען, אַרומגעשוואומען! — — — — — — — — — — — — — — —

און די מתים פֿון עולם־אמת, זיפֿצען: אמת, אמת!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

צווישען איין הספד און דעם צווייטען האָט זיך איבערגעדרעהט אַ מת מיט נאָך גאַנצע זייטען צו זיינע חברים און געפֿרעגט:

— אַלערליי קולות הער איך, פֿאַר וואָס הער איך נישט די קולות פֿון תינוקות של בית־רבן, פֿון תלמוד־תורה־קינדער?

און נאָך אַ פֿרישער מת, כמעט נאָך נישט איין אָנגעריהרטער ענטפֿערט:

— די קונדייסים נעהמען צו אַ לויה?

זיי וואָלטען זיך אָבגעשטעלט אין גאַס און געשפּיעלט אין "ציגעל־מיגעל", זיי וואָלטען זיך גע'ממית'ט, מיט שטיינער געוואָרפֿען און אין מטה אַריין, צו דעם הייליגען מת געטראָפֿען!

און פֿון בית־הקברות וואָלטען זיי אַ תּל געמאַכט! זיי וואָלטען אויף די קברים אַרומגעטאַנצט, איבער די מצבות "קאַזיאָלקים" געמאַכט...

און, וואָס דער עיקר איז, עס איז אַ חרפּה און אַ בּושה פֿאַר דער פּאָליציי—אָבגעריסען, אָבגעשליסען, אויסגעהונגערט...

אַזוי האָט געזאָגט דער פֿרישער מת!

---

און ווער ווייסט, וואָס נאָך פֿאַר אַ בלבולים דער מת וואָלט אויסגעטראַכט אויף די אָרימע תלמוד־תורה־קינדער, ווען נישט וואָס דער צווייטער הספד האָט זיך אָנגעהויבען.

"כְּשְׁמַת אֶחָד מִן הַחֲבוּרָה, יִדְאֲגוּ כָּל בְּנֵי הַחֲבוּרָה" — אויף דעם האָט זיך דער מספּיד געשטעלט.

עס איז אַ גמרא, אַ בּפֿירוש'ע גמרא, און אַ בפירוש'ע גמרא איז הפֿקר; אויף איהר מעגען זיך אַלע שטעלען, איבערדרעהען, איבערניצייוען, אויסטייטשען מיט קאָפּ אַראָב מיט די פֿיס אַרויף, בּפֿרט פֿאַר וואַרשויער קהל...

און דער הספּד־מאַכער טייטשט:

— אַז עמיץ געהט אַוועק פֿון דער חברה, מוז די גאַנצע חברה זיינע געשעפֿטען פֿערזאָרגען...

— אמת! אמת! שאָקלען ווייטער די מתים מיט די ביינערנע קעפּ: מען מוז זיך צוטהיילען מיט די נולדים ונפטרים, מיט די שוחטים, מיט'ן סַנדְקאות מיט אַלערליי הכשרים — —

אמת! אמת!

דאָס אַלץ איז געוועזען דאָנערשטאָג.

---

פֿרייטאָג האָבען די מתים כמעט גאָר נישט געהערט.

עס איז צו קבורה געקומען אַ יודישער גביר, אַ בעריהמטער בעל־צדקה—וואַוועלבערג!

נאָר די הספּדים זענען געזאָגט געוואָרען אויף פּויליש, און אַ יוד, אַז מען לעגט איהם ווי עס דאַרף צו זיין אין דער ערד אַריין, הערט ער אויף פּויליש צו רעדען און צו פֿערשטעהען!

האָבען זיך די מתים, נעביך, פֿערטראַכט און אַזוי געטראַכט:

— דער מענש איז אַ גרויסער, נאָר אַ אומגליקליכער מענש געוועזען; ער האָט אַ סך געזייט, נאָר וויפֿיעל וועט אויפֿגעהען און וויפֿיעל וועט אַוועקטראָגען דער ווינד?!

דער מענש האָט געהאַט גאָלד, נאָר גאָלדענער ווי גאָלד איז געוועזען זיין האַרץ און האַרטער ווי אַ שטיין זיין מזל:

ש ל ו ם האָט ער געוואָלט און איז אין דער סאַמע רעכטער מלחמה געשטאָרבען! און איז אַוועקגעגאַנגען פֿון דער וועלט אָהן האָפֿנונג, אַז עס וועט אַמאָל זיין אַ שטילשטאַנד, אויב שוין נישט קיין שלום!

און ווייטער קלערען די מתים:

— וויפֿיעל יודען וואָהנען אין וואַוועלבערגס בילינע הייזער?

— וויפֿיעל פּראָצענט יודישע קינדער ווערען לערנען אין זיינע שוהלען?

— וויפֿיעל יודען און וויפֿיעל נישט־יודען, פֿרעמדע און היימישע, געהען נאָך זיין מטה?

— וויפֿיעל פֿון זיינע מיליאָנען וועלען בלייבען אויף ד ע ר און וויפֿיעל וועלען אַריבער אויף י ע נ ע ר זייט?

— און ווער—קלערען ווייטער די מתים—וועט ז[illegible]טשעפֿטען פֿערזאָרגען?

רַבָּנִים וועלען נישט פֿעהלען; פֿון אַלע זייטען וועלען זיי אָנקומען, מיט גרויסע און קליינע בערד, מיט פּראָטעקציע פֿון חסידי אומות־העולם, דורך די שפּאַרעס וועלען זיי זיך אַריינרייסען, דורך פֿענסטער און קיימען קומען — און מען וועט זיי אויפֿנעהמען, מען וועט זיי מוזען אויפֿנעהמען, נאָר אַזוינע וואַוועלבערגס, מיט זייערע גרויסע מַעֲלוֹת און גרויסע טעותים, אַזוינע וואו נעמט מען?

אַזוינע גאָלדענע הערצער דאַרפֿען וואַקסען אויף שטיינער, לייִדער וואַקסען שטיינער אויף גאָלדענע הערצער!

---

צוויי גרויסע, גרויסע לויות געוועזען!

און גרויסע לייט פֿערנעהמען אַ סך אָרט, אי ביים לעבען, אי ביים טויט! 4 אָרימע לויות האָט מען דעריבער געמוזט אָבלעגען אויף מוצאי־שבת נאָך הבדלה! די גרויסע האָבען פֿערלעגט דעם וועג צום עולם־אמת!

צי איז דערויף קיין עצה נישט פֿאַרהאַן?

די וואָהנונגען פֿאַר לעבענדיגע גרויסע האָבען צווייערליי געגנ:

אַ פּאַראַדנעם, אַ ליכטיגען גאַנג—אין גרויסע הייזער אויסגעלעגט מיט פּערסישע און טערקישע דיוואַנען, רעכטס און לינקס אויסגעשטעלט מיט די פֿיינסטע געוויקסען; דאָ אַרום קומען פֿיינע געסט, רייכע געסט; געסט, פֿאַר וועלכע דער ג ר ז י ס ע ר האָט וויין און אַלערליי לעקערביסען און אמת'ע האַוואַנאַ־ציגאַרען —

און אַ טונקעלען גאַנג, אַ גאַנג אַ שוואַרצען דורך די קיך, פֿאַר קרובים, גלאַט פֿאַר אָרימע לייט, פֿאַר וועלכע מען האָט אַמאָל אַ האַר־טען דרייער, גאַנץ אָפּט איין אַנווייזונג אין הימעל אַריין: דער, וואָס שפּייזט ווערים וועט דיך אויך שפּייזען, מעגסט אויך עסען ערד; אַ־ער אַמאָל אַ גוט-וואָרט: געה גלאַט צו אַל־די־שוואַרצע־יאָהר!

פֿאַר וואָס זאָל דאָס בית־הקברות קיין צוויי גענג נישט האָבען? אָרימע לייט איילען זיך אַזוי אין זייער רוה אַריין, פֿאַר וואָס זאָל מען זיי פֿערהאַלטען, איבער שבת לאָזען?

מאַכט צוויי גענג!

איינעם איין אויסגעפּלאַסטערטען, אַ ברייטען פֿאַר רבנים, ראשי־קהל, בעלי־צדקה און גלאַטע גבירים און פֿאַר האַלב וואַרשוי (אַלס בעג־גלייטער, מיין איך!), מיט אַ גרויסען, גרויסען טהויער און דערנאָך מיט גאָלדען־זאַמד איין אויסגעשאָטען וועג גלייך צו די אויבען־אָן־שטעדט און פֿאַמיליען־גרעבער!

און אַ צווייטען וועג, אַ בלאָטיגען, אַ שמאָלען (אין גאַנצען פֿאַר איין אַלמנה צי איין אַלמן, מיט עטליכע יתומים, צוויי דריי שכנים!), מיט אַ קליינעם טהויער, מען קען יוצא זיין מיט אַ לאָך אין צוים—פֿאַר אָרימע לייט!

און ווילט איהר די לויות זאָלען זיך נישט אויסמישען אויפ'ן קברות, האָט איהר דאָך אויף יעדען ווינק אַ קאָרדאָן פֿון „העלע קנעפּ"— מאַכט אַ מחיצה! דיזעלבע, וואָס היטען אייך שמחת־תורה צו הקפות און יום-כפור, צו כל־נדרי אין דער „דייטשער שוהל", וועלען אייך היטען די קברים אויך!

---

און ציינד הערט אַ מעשה:

מה בין בני לבן־חמי? — בשעת ווען דער יודישער גביר וואָ־וועלבערג, האָט פֿאַר יודישע ליטעראַטור כמעט גאָר נישט געזאָרגט האָט, זכרונו־לברכה, ר' זיינווילע קלעפּפּיש אַ סך פֿאַר איהר געטהון!

וכך הוה:

אַמאָל איז געוועזען אַ רב אין אַ שטאָדט, אויב איך בין מיך נישט טועה—אין פּלאָצק. איז דער רב אַ מחבר געוועזען און דערצו איין אָרימאַן און, פֿערשטעהט זיך, אַ דאָפּעלטער—אַלס רב און אַלס מחבר. און האָט זיינע חדושי־תורה, אויב נישט מוסר־זאַכען, נישט געקענט דרוקען...

מילא כל־זמן אַ מענש לעבט, לעבט ער מיט האָפֿנונג; פֿאַר דער פּטירה אָבער האָט זיך דער רב געהייסען אויפשרייבען אויף דער מצבה אַ צוזאָג, אַז ער וועט אַ מליץ־יושר זיין, דאָס הייסט, אַז ער וועט זיך מיהען אין הימעל פֿאַר די, וואָס וועלען זיך פֿאַר איהם מיהען דאָ אויף דער ערד און וועלען אָבדרוקען זיינע חבורים...

און דאָס האָט ר' זייגווילע געטהון; ער האָט געלד געזאַמעלט און געדרוקט!

ביי ר' ויינווילע'ס אַלמנה זענען אַפּילו פֿון דעם געלד געבליבען 60 רובל, און זי זוכט צו געפינען נאָך מאַניסקריפּטען (כתבי־יד, מיין איך פֿון פּלאָצקער רב'ס מאַניסקריפּטען) און וויל זיי ברענגען לבית־הדפוס...

* * *

ר' זיינווילע, זעהט אויס, האָט שוין זיכער עולם־הבא!

דריי מאָל אין טאָג „אשרי" האָט ער געזאָגט; פֿאַר מאַכלות־אסורות און שחיטת־חזיר פֿערציג יאָהר דורכאַנאַנד — גאַנץ וואַרשוי עהיט; דוחק־הקץ, צוזאַמען מיט די ציוניסטען, איז ער נישט געוועזען, און דער פּלאָצקער רב, זיין מליץ־יושר, איז אויך עפּיס ווערט; און דע־ריבער, אַז איך מאַך די אויגען צו, זעה איך בהוש, ווי ר' זיינווילע'ס ווייסע נשמה פֿליהט אויף תפלין'דיגע כנפי־יונה גלייך אין הימעל אַריין, אין גן־עדן אַריין, צום כסא־הכבוד צו!

נאָר וואָס וועט זיין מיט וואָוועלבערגס נשמה?

זיין צדקה האָט אַזוי פֿיעל פֿעהלער געהאַט!

און גלאַט, ווער ווייסט צי מען קען זיך קויפען עולם־הבא פֿאַר געלד, און ווען אַפּילו פֿון צדקה־געלד?

ישראל שווערגעמוטה.

---

## יודישע שטעדט און שטעדטליך.

אראַבגעלאַזטע נעז. נייע לעקעכליך מיט פרישע פלעטצליך. די באַנק האָט זיך געעפֿענט און די חסידים האָבען אויך געעפֿענט.

די באַנק האָט זיך געעפֿענט, און די פֿרומאַקעס אָדער, ווי מיין קאָרעספּאָנדענט פֿון מלאָווע (פּלאָצ. גוב.) רופט זיי אָן, "די אנטי" האָבען אַראָבגעלאָזט די נעז.

די ציוניסטען האָבען פֿערריסען די נעז און די „אַנטי" האָבען אַראָבגעלאָזט.

דער ציוניזם אין מלאָווע איז אין דער לעצטער צייט שטאַרק אָבגעקיהלט געוואָרען, נאָר מיט דעם אויפעפענען "די באַנק האָט ער ווידער דאָרט אויפגעלעבט. אַפּילו די חסידים — די אַנטיציוניסטען זיצען איצט אין די חסידים־שטיבליך און דערצעהלען גדולי גדולות פֿון דער „באַנק": גאַנצע אוצרות, דערצעהלען זיי, פֿערמאָגט די באַנק, "מילע מיליאָנען" רובעל. די רויטשילדס האָבען אויף דער באַנק אָוועק־געגעבען אַ האַלב פֿון זייער פֿערמעגען און דער סולטאָן, וואָס האָט אַזוי פֿיין ביי זיך מכבד געוועזען הערצלען, האָט אויך מסתמא אויף דער באַנק געגעבען אַ שענע פּויטיקע, מען קען זיך פֿאָרשטעלען.

און מיט זייער גאַנצער חסידישער פּאָעזיע און גוזמאות הערען זיי איצט ניט אויף אין זייערע מעשות צו בעפּוטצען די „באַנק".

גראָדע איז די בשורה וועגען דעם עפֿענען די באַנק אָנגעקומען אין די יודישע שטעדטליך אין אַזאַ צייט, ווען די נעכט זענען לענגער פֿון די טעג, ווען די „חסידים" האָבען ליעב נאָך מעריב זיצען ביז שפּעט אין דער נאַכט אין חסידים־שטיביל ביי דער וואַרמער הרובע און דערצעהלען זיך מעשות.

פֿריהער האָבען זיי געקוקט אייף אַ ציוניסט ווי אויף אַ עוכר ישראל און איהם ניט איין מאָהל פֿון שטיביל אַרויסגעוואָרפֿען, און זינט די באַנק האָט זיך געעפֿענט מיט „מילע מיליאָנען" האָבען זיי אויף דיזעלבע ציוניסטען אָנגעהויבען קוקען מיט אַ בעזונדער דרך ארץ. ווער שמועסט אויף די ציוניסטען, וועלכע האָבען „אַקציעס"? אויף אַזעלכע קוקען זיי מיט אַ דרך ארץ ווי אויף גבירים.

— אָט געהט ער.

— ווער?

— איין אַקציאָנער.

און מען זיצט אין חסידים־שטיביל און מען דערצעהלט, ווער אין שטאָדט האָט איין אַקציע און ווער פֿערמאָגט עטליכע אַקציעס.

— מיר האָבען געמיינט, אַז דער גאַנצער ציוניזם איז עפּיס אַ שפּאַס, אַ געלעכטער און זיי פֿערנעהמען זיך מיט נאַרישקייטען, צום סוף האָבען זיי אויסגעפֿיהרט און די באַנק האָט זיך טאַקע געעפֿענט. זעהר שעהן, זעהר פֿיין, ווי באַלד די באַנק האָט זיך געעפֿענט— זאָל זיין מיט מזל.

אין דער צייט ווען מען האט פערקויפט אקציעס פון יודישער קאלאניאל־באנק, האבען די פרומאקעס געלאכט פון די קויפער.

— געפונען אויף וואס געלד ארויסצוווארפען — האבען זיי געזאגט, און זיי האבען געטהון, וואס זיי האבען נור געקענט, אז מען זאל קיין אקציעס ניט קויפען, נאר איצטער, ווען די באנק האט זיך געעפענט, האבען זיי אנגעהויבען צו קוקען אויף די ציוניסטען־אקציאנערען ווי אויף מענשען, וועלכע האבען געוואוסט אויף וואס געלד צו געבען.

און שטענדיג און אייביג איז אזוי מיט די פרומאקעס.

אלעס מעסטען זיי מיט דער קאפיקע, מיט דעם רובעל.

ווי נור עס ווייזט זיך צווישען יודישען פאלק א נייער סימן פון לעבען, איין נייע אידעע — א ליכטיגער שטראהל אויף א בעסער לעבען, שטעלען זיך באלד די פרומאקעס צוזאמען מיט זייערע „שטריימליך" און שרייען „נאגוואלד" אז מען וויל מאכען א תל פון זייער פרומקייט און פון דער יודישקייט, און מיט קיין זאך וועט איהר זיי ניט איבערצייגען, אז מען מיינט כלל ניט זייער פרומקייט, מיט קיין זאך וועט איהר זייער „נא גוואלד" ניט שטילען. נאר טאמער דערזעהען זיי א רובעל, א געשעפטיל, דאן זענען זיי גרייט מקריב זיין זייער גאנץ פרומקייט און ווערען ווייכער צו די, מיט וועלכע זיי האבען פריהער מחלוקות געפיהרט.

און אזוי איז מיט די פרומאקעס שטענדיג.

זיי דערמאנען אונז די צייטען, ווען אלע שולען און גימנאזיעס זענען געוועזען אפען פאר יודען.

דער שטאדט־אפיקורס, דע־משכיל קומט צום חסיד און זאגט איהם:

— פאר וואס שיקט איהר ניט אייער יענקעלען אין דער שולע?

— איך וויל מיין קינד נישט שיקען אין שקאלע, מען זאל מאכען פון איהם איין אפיקורוס, ענטפערט מיט כעס דער חסיד.

— פאר וואס איין אפיקורוס? א יודישער דאקטאר וועט פון אייער זוהן ווערען, ער וועט פאהרען אין איין אייגענע קארעטע און וועט פערדינען אסך געלד — רעדט איהם איין דער משכיל.

— עט, עס איז צו לאנג צו ווארטען, ביז מיין יענקעלי וועט ווערען א דאקטאר, דערווייל וועט ער ווערען איין אפיקורוס, און דער פרומאק האט יאהרען לאנג געיאגט דעם משכיל, גערופען איהם אפיקורוס.

ווען עס זאל געוועזען מעגליך זיין, אז זיין יענקעלי זאל אויף מארגען ווערען א דאקטאר, אנהויבען פאהרען אין א אייגענער קארעטע און פערדינען אסך געלד, דאן וואלט דער פרומאק גערעדט ווייכער.

מיר זעהען, מיט וואס א דרך ארץ די חסידים קוקען עד היום אויף יודישע דאקטוירים, וועלכע פערדינען געלד און פאהרען אין אייגענע קארעטען. דאסזעלבע האבען מיר געזעהען ביים פערקויפען די אקציעס.

— נעמט איין אקציע.

— איך וויל ניט ארויסווארפען קיין געלד.

— וואס הייסט ארויסווארפען, דאס איז איין אקציע פון א יודישער באנק, וועלכע קען אנדערש ניט געגרינדעט ווערען, כל זמן מען וועט ניט פערקויפען א סך אקציעס. אויסער דעם קרן וועט איהר נאך האבען מיט דער צייט „דיווידענד" אויך. ווען עס וועט זיין א יודישע באנק, קען דערפון ארויסקומען א גרויסע טובה דעם כלל ישראל. ערקלערט דער ציוניסט.

— עט, צו לאנג צו ווארטען, ביז די באנק וועט זיך אמאל עפענען, וועל איך זיך דערווייל ניט זעהען מיט מיינע עטליכע רובעל. געהט אייך געזונד און פערדרעהט מיר ניט קיין קאפ מיט אייערע נארישקייטען.

און אזוי איז מיט די פרומאקעס שטענדיג. אויב איהר ווילט די פרומאקעס מיט די שטריימליך זאלען ווערען ציוניסטען, גיט זיי עפיס „א פערדינסטיל", ווען ניט, וועלען זיי ניט אויפהערען שרייען לשם שמים אויף די ציוניסטען מיט זייערע אפיקורסישע מוסטער־חדרים, אויף הערצלען מיט די „קאנגרעסען" א. ד. ג. נאר זינט די באנק האט זיך געעפענט, האט זיך די חסידים אין מלאווע אנגעהויבען הלום׳ן, אז די יודישע באנק איז פול מיט אוצרות, זי פערמאגט מילע מיליאנען. און דער ציוניזם אין מלאווע, וועלכער איז אין דער לעצטער צייט געוועזען אבגעקיהלט, האט זיך ווידער דארט צופלאקערט „א דאנק, וואס די באנק האט זיך געעפענט"

זעהר טרויעריג איז, וואס אין מלאווע ווערט אלע מאנטאג און דאנערשטאג דער ציוניזם אבגעקיהלט און נאך טרויריגער איז, וואס אז דער ציוניזם זאל „ווידער אויפלעבען", דארף מען אלע מאל די ציוניסטען אונטערטראגען א ניי לעקעכיל אדער א פריש פלעצעיל ווי „הערצעלס אאודיענץ ביים סולטאן" אדער די „אפענע באנק". עס פרעגט זיך נור, אויף ווי לאנג וועלען די נייע לעקעכליך סטייען די מלאווער ציוניסטען, אז זיי זאלען ווידער ניט אבגעקיהלט ווערען?

איך מוז זאגען דעם אמת: „איך זאג דער טאכטער און מיין די שנור". איך רעד פון מלאווע און מיין אויך פיעל אנדערע שטעדט, פון וועלכע איך בעקום יעדען טאג בריף מיט איין נוסח.

**בענדער** (בעס. גוב.): ביי אונז איז געגרינדעט געווארען א חברה ציוניסטען. מען האט געקליבען שקלים, געמאכט בערך 100 אקציעס, נאר אין דער לעצטער צייט איז עפיס שטיל געווארען און עס איז געווארען אויס חברה.

**חאטשעוואטע** (פאד. גוב.): ביי אונז איז געווארען א חברה ציוניסטען, עס איז געוועזען איין פערזאמלונג, מען האט געמאכט איין „אווענד", עס איז געווארען עטליכע אקציעס, נאר איצט הערט מען גאר ניט וועגען דער חברה ציוניסטען.

**ווילקאמיר** (קאוונ. גוב.): פאר א יאהרען איז צו אונז געקומען א מטיף און געהאלטען אין בית המדרש א רעדע וועגען ציוניזם. באלד איז געווארען 100 שקלים און 30 אקציעס און עס איז געגרינדעט געווארען א חברה „בני ציון", נאר ווען דער מטיף איז אוועקגעפאהרען איז די חברה צופאלען.

**שפאלע** (קיעוו. גוב.): אונזער חברה ציוניסטען האבען געמאכט א מוסטער־חדר, בכלל ארבייט אונזער חברה געטריי אין דעם „רעיון". ביי אונז האט מען איינגעצאהלט 200 שקלים און 50 אקציעס, אבער אין דער לעצטער צייט איז שטיל געווארען, דער מוסטער־חדר האט זיך פערמאכט, ווייל עס איז ניט דא מיט וואס איהם צו פיהרען און ווער עס זאל זיך מיט איהם אינטערעסירען. נאר די לעצטע צייט, ווען עס איז אנגעקומען די גוטע בשורה וועגען הערצעל׳ס אאודיענץ ביים סולטאן, האט דער רעיון ווידער ביי אונז אויפגעלעבט און עס איז צו האפען, אז דער מוסטער־חדר וועט זיך ווידער עפענען.

**אלעקסנדראפאל** (הערס. גוב.): דער ציוניזם, וועלכער האט זיך אין אנהויב אין אונזער געגענד שטארק פערברייטעט, איז אין דער לעצטער צייט אבגעקיהלט געווארען, נאר אז עס איז אנגעקומען די גוטע בשורה, אז „די באנק האט זיך געעפענט" האט דער ציוניזם ווידער אין אונזער געגענד אויפגעלעבט.

אזוינע בריעף מיט דעמזעלבען נוסח ליגען איצט פאר מיר פון אלט קאנסטאנטין, פרילוק, פראסקוראוו, ניעזשין, אלט־ביכאוו און פון נאך פיעל, פיעל אנדערע „שטעדט.

א גאנצער מעשה, וועלכע ער האט גענומען דערצעהלען. דערווייל דערזעהט ער מיך און גיט אַ זאָג מיט זיין ברייטען קול: „וואָס זיצסטו עפּיס היינט, „קראָליקעל" מיינס (אַזוי פלעגט ער מיך רופען), שטאַרק פערזאָרגט. קוק זי נור אָן ווי זי זיצט גלייך ווי זי קען קיין צוויי נישט צעהלען. „פּי, פּע, פּוי!" איך האָב זיך געלאָזט באלד אַרויסגעהן אין אַ אַנדער צימער, ר' איצע זאָל מיר קיין קניפּ נישט טהון, ווי זיין שטייגער איז.

אז איך בין געקומען צוריק אין אַ פּיערטעל שעה אַרום, הער איך שוין ווי ר' איצע דערצעהלט גאָר אַ שפּאָגעל־נייע מעשה, און ער האַלט ביי די ווערטער: „זאָג איך איהם, קבצן. וואוהין קריכסטו, אם אין קמח געה שלאָפען"... דערוויל דערזעהט ער מיך און טהוט זיך א לאָז צו מיר און גיט אַ היבשען קניפּ אין בעקיל: „אזוי, אזוי קראליקעל מיינס, רייסט גאר אויס אַלטע יודען די בערד, שפּייסט גאָר אין פנים (דער טאַטע, ווייזט אויס, האַט איהם שוין דערצעהלט נעכטיגע מעשה). פּי, פּע, פּוי! דו ווייסט קראָליקעל, אז מען שפּייט יענעם אין פנים, וואָס מען האַט דערפאַר? הע, הע, מען נעהמט פון יענעם אַראָב אַלע עבירות".

ר' איצע האָט נאָך נישט געענדיגט די לעצטע ווערטער, האָב איך אַרויסגעלאָזט אַזא ביטער געוויין, אַז אַלע זענען געבליבען זיצען ווי פערמישט. ר' איצע, וואָס איז געווען בטבע אַ גוטער האַט געוואָלט באַלד פערהאַפּען, אַז ער האָט עס גלאַט אַזוי געזאָגט, נור אויף געלעכטער. עס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפען. איך האָב זיך גוט דערמאָנט אַז דער רבי אין חדר האָט מיר אויך אַזוי געזאָגט, און נאָך פון איין יודען האב איך עס אַמאָל אויך געהערט. יאָ, דאָס איז גאָר נישט קיין שפּיעלעכיל: אַלע עבירות זענען אַראָב פון דער אַלטער זיסעל און אַריבער גלייך צו מיר, און איך בין אַ פערפאַלענע אויף אייביג. עפּיס אַ קלייניגקייט, וויפיעל חטאים די אַלטע האָט געקענט האָבען אויף איהר גאַנ'ץ לעבען. פון עטליכע זינד האָב איך אַליין געוואוסט, אַז זי האַט געזידעלט די שטאָדט־רביצין, זי האָט פערלייקענט אַמאָל דער מאַמען עטליכע קאָפּיקעס פון מאַרק זי האָט אָנגעריהרט, אומגעהרען פערשטעהט זיך, שבת אַ לייכטער א. ד. ג. היינט פלעגט זי זיך שטענדיג קלאָגען אויף איהר פינסטער מזל: זי איז אַמאָל אַליין געווען גאָר אַ געהויבענע בעל־הבית'טע, אַז גאָט און לייט האָבען זיי מקנא געווען, און אויף דער עלטער האָט איהר גאָט אַזוי געשטראָפט, זי מוז דיענען אין דער פרעמד „פאַר איהרע גרויסע זינד". און די אַלע גרויסע זינד פון אַזוי פיעל יאָהר, אַלע ביז איינע, זענען אַריבער אויף מיין קאָפּ און איך דאַרף זיי אַלע טראָגען. ווי אַזוי וויינט מען נישט אויף אַזא גרויסען אומגליק?

און איך האב געוויינט מיט ביטערע טרעהרען, מיט בלוט פון האַרצען, אַ לאַנגע צייט. וויפיעל מען האָט געטענה'ט, גערעדט איבער מיר, האָט גאר נישט געהאָלפען. אַז איך האָב שוין קיין כח נישט געהאַט צו וויינען אויף אַ קול, האָט דאָס האַרץ אין מיר נישט אויפגעהערט צו וויינען, חליפען שטילערהייט. אַ קלייניגקייט אַזא צרה: איך ציטער אַזוי פאַר איין עבירה, און דאָ מיט איינמאָל, מיט איין נארישען שפּיי, בעקום איך פלוצים אַזוי פיעל פרעמדע עבירות. קען נאָך זיין א גרעסערעס אומגליק פון דעם אויף דער וועלט?

V.

דער טאַטע איז מיט ר' איצען אַוועקגעגאַנגען אין שול, ער האָט אָבגעדאַווענט און איז געקומען צוריק אַהיים — און איך האָב אַליץ נישט אויפגעהערט צו חליפען. מען איז געגאַנגען עסען, קוים מיט צרות האָט מען געפועל'ט, איך זאל אויך געהן צום טיש; נאָר צוריהרען האָב איך זיך נישט צוגעריהרט צו קיין ביסען. עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפען, נישט מיט גוטען און נישט מיט בייזען, ביז דער טאַטע האָט מיך גאָר אַוועקגעטריבען פון טיש. איך בין אַוועק גלייך אין גאָרטען, זיך פערשטופּט דאָ־ט ערגיץ אין אַ בעהאַלטען ווינקעלע, אַלע מאָל דערמאָהנט זיך אין מיינע צרות און געחליפעט. נאָכ'ן עסען האַט זיך דער טאַטע, ווי געוועהנליך, צוגעלעגט שלאַפען, אין אַ שעה אַרום איז ער אויפגעשטאַנען, געטרונקען שבת־טהיי, און איך ליג אַליץ אין מיין ווינקעלע; ווער עס קומט צו מיר פון די שטוב־מענשען, גיב איך אַ געשריי מיט אַ בייזער מע זאָל אַוועק פון מיר, ביז דער טאַטע אַליין איז אַרויס צו מיר. ער האָט אָנגעהויבען מיט גוטען, אַרויף גיך אויף בייזען און האַט געענדיגט מיט קלעפּ און פּעטש. איך האָב זיך אָבער נישט גערירהט פונ'ם אָרט, גלייך ווי איך בין צו דעם צוגעקאָוועט.

עס איז געוואָרען דערוויל נאַכט, און זעהר אַ פינסטערע נאַכט, ווי מיר אויפ'ן האַרצען. איך האָב אָנגעהויבען רעכט מורא צו האָבען זיין אַליין אין גאָרטען, האָב איך זיך אַליץ נאָהענטער צוגעריקט צוביסליך צום שטוב, ביז איך בין צוגעקומען צו א פענסטער. איך האָב געהערט ווי דער טאַטע מאַכט הבדלה מיט אַ האַלב־טרויעריגער שטימע, ווי זיין שטייגער. נאָכדעם הער איך ווי די מאַמע מאַכט צום טאַטען: „וואָס טהוט מען פאָרט מיט איהר, מיט דער משוגענער אונזערער?" און דער טאַטע ענטפערט מיט כעס: „לאָז זי נעכטיגען דאָרטען אין דרויסען, שוין גענוג געבעטען, אַזא שלאַק, נו־נו!"

מיר האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אַ צאָהן אין אַ צאָהן אי פאַר פחד אי פאַר קעלט, וואָרום די צייט איז שוין געווען נאָהענט צו סוף זומער און ביי נאַכט האָט זיך שוין געלאָזט רעכט פיהלען די קעלט. אין שטוב אָבער אַריינגעהן אַליין וויל איך נישט בשום־אופן, איך זאָל וויסען מיין טויט וועט זיין. באַלד הער איך ווי די מאַמע רופט מיך אין גאָרטען, איך רוק זיך געשווינד אָב וויַיט פון פענסטער און ענטפער מיט אַ הליפע, כדי זי זאל וויסען וואו איך געפין זיך. די מאַמע נעהמט מיך אָן ביי דער האַנד און איך לאָז זיך הייַנטיגסמאָל לאַנג נישט בעטען: איך געה מיט איהר גלייך אַריין אין שטוב, נאָר אין עסצימער וויל איך אויף קיין פאַל נישט אַריינגעהן, חאָטש האַק מיך און בראָק מיך. איך בין אַריין אין אונזער קינדער־צימער, זיך תיכף אַ וואָרף געטהון מיט'ן גאַנצען אָנטהון אויף מיין בעטיל און אַזוי טאַקי באַלד אַנשלאָפען געוואָ־ען. וואָס פאַר אַ זיסע חלומות איך האָב דאַמאָלס געזעהן אין שלאָף, מעג איך ווינשען אַלע מיינע שונאים. געדיינקען איצט אקוראַט קען איך נישט, נאָר מן־הסתם האָב איך געזעהן אין הלום דעם גיהנם מיט אַלע זיינע שרעק, וואו מע שמייסט מיך מיט פייעריגע ריטער און מע רעכענט מיר אויס א גאַנץ צעטיל חטאים, וואָס איך האב זינט איך לעב פון זיי נישט געהערט און נישט געוואוסט.

אויף מאָרגען האַט מען מיר קוים אויפגעריסען פון שלאָף. איך האָב געעפענט די אויגען, זעה איך די מאַמע שטעהט נעבען מיין בעטיל מיט אַ גלאָז טהיי אין איין האַנד און אַ בייגעל אין דער אַנדערער. זי בעט מיר, איך זאָל עפּיס נעהמען אין מויל, און איך וויל גאַר נישט הערען, איך האב זיך אנגעטהון, און זי, די מאַמע מיינע, טרעט נישט אָב פון מיר און הערט נישט אויף צו שרייען און פילדערען, אַז איך

וועל זיך פערדארבען, אז אויב איך וועל תיכף נישט נעהמען עסען קען איך גאָר אינגאנצען אוועקשטארבען. און איך טראַכט ביי זיך: הלואי, גאָטעניו, העלף מיר נור וואָס גיכער, איך זאָל געבען אַ שטארב און פּטור ווערען פון אלע צרות מיט אמאָל. דערנאָך איז דער טאַטע אריינגעקומען און אוועקגעשלעפּט די מאַמען ביי דער האַנד, מיט אַ שטאַרקען בייזער: „לאָז זי צורוה, די משוגענע! וואָס אַרט עס דיר, לאָז זי פּגר׳ען פון הונגער, ווערמינס דאגה איז דאָס?״.

אַלע זענען אויף מיר בייז — האָב איך ביי זיך געטראַכט — אַלע קענען מיך נישט אָנקוקען. זיי ווילען מיין טויט, זיי וואָלטען זיך מחיה געווען, אַז איך זאָל געהן פון דער וועלט. נאָר דאָס טייערע קעצעלע מיינס איז מיר נאָך געבליבען איין גוטער פריינד ווי פריהער. עס קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע גוטע אויגען, עס בעט מיר מיט אַזאַ רחמנות־פּנים, איך זאָל עפּיס נעהמען אין מויל; נאָר איך קען נישט, איין נאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך קען נישט. מיר האָט אויסגעוויזען אַז דאָס קעצעלע פאַסט אויך די גאַנצע צייט גלייך מיט מיר, און דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק וועה געטהון אויף דעם קוקענדיג. נאָר וואָס קען איך דערצו העלפען? איך האָב גענומען מיין ליעב קעצעלע אויף די הענד און אַוועק ווייטער אַהין אין גאָרטען, און זיך פערשטופּט דאָרט אין דעם אייגענעם ווינקעל וואָס נעכטען.

VI

אין עטליכע מינוט אַרום זעה איך, ר׳ איצע נעהט צו מיר. ער איז שוין געוואָהר געוואָרען אין ערגעץ, אַז איך בין נאָך אַלץ „משוגע״ פון נעכטען אָן (אַ שענע זאַך וואָלט געווען ער זאָל נישט וויסען), און איז געקומען געבען עפּיס אַ מיטעל, אויסצוהיילען דאָס משוגעת.

צוגעהענדיג צו מיר האָט ער געוואָלט מיר געבען אַ קניפּ אין בעקיל, ווי זיין שטייגער איז געווען, איך האָב אָבער אַוועקגעדרעהט דעם קאָפּ מיט כעס.

— פע, קראָליקעל מיינס! אויף אַזאַ חכמה ווי דו, וואָלט איך זינט איך לעב נישט גערעכט זיך אַזאַ זאַך, ווי איך בין אַ יוד מיט באָרד און פּאות. וואָס הייסט גאָר פּלוצים תּעניתים? אַזאַ מעשה, אַזאַ מעשה! פי, פע, פוי! געה שוין געה עסען און טרינקען און קום צו־זיך, הער זיך שוין אויף כ׳לעבען צו מאַכען נאַריש, קראָליקעל.

איך שווייג און קוק אפילו אויף איהם נישט, און ער רעדט ווייטער:

— שפּיי־אויס דריי מאָל און פערגעס די אַלע נאַרישקייטען. נו, איינס, צוויי, דריי. אז נישט, ווייסטו גאָר וואָס, איך מאַך מיט דיר אַ געשעפט, כ׳לעבען. איך קויף ביי דיר אָב אַלע עבירות וואָס דו האָסט איצט, טאַקי ביז איינער, און דו וועסט בלייבען ריין ווי גין־גאָלד. דערפאַר וועסטו מיר געבען חנוכה, אם־ירצה־השם, ווען דו וועסט האָבען אַסך חנוכה־געלד, גאַנצע צוויי קאָפּיקעס. נו, קראָליקעל, געמאַכט אַ געשעפט!

און איך שווייג אַלץ און ענטפער נישט קיין האַלב וואָרט. ר׳ איצע האָט אפילו נעפּריווט געבען אַ שפּ־ונג אויף איין פיס. מיט דעם האָט ער מיך שטענדיג געמאַכט לאַכענדיג און איך פלעג איהם בעטען ער זאָל שפּרינגען נאָך און נאָך. איצט אָבער האָט גאָר נישט געהאָלפען. איך בין געזעסען אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געשטומט ווי אַ ליימענער גולם.

ר׳ איצע האָט געזעהן, עס העלפט קיין זאַך נישט, האָט ער זיך אַביסיל פערטראַכט, דערנאָך אויסגעשפּ־יען: „ס׳איז רעכט!״ און געלאָזט זיך געהן גיך צוריק אין שטוב.

נאָר איך בין שוין צופיעל מאַריך — קעהרט זיך די מ—ם פונק צו מיר — עס קומט שוין טאַקי אויס גאָר ווי אַ געשריבענע מעשה. ווייסט איהר פאַר וואָס? ס׳איז אַלץ דערפאַר וואָס מיר אַליין איז שטאַרק אַנגענעהם צו דערמאָהנען זיך אין מיינע קינדער־יאָהרען. עס שטעהט מיר אַלצדינג אַזוי לעבעדיג פאַר די אויגען מיט יעדען ברעקעלע, איהר זענט אָבער גאָר נישט שולדיג דערצו. פאַר וואָס קומט אייך אַזוי פיעל צו פּלאָגען, אומזיסט־אומנישט?

— „וואָס רעדט איהר? — האָב איך איהר געענטפערט — פערקעהרט, איך הער מיט גרויס פערגניגען״.

— פון דעסטוועגען וועל איך מאַכען דעם סוף בקצור. אין אַ מינוט צעהן אַרום זעה איך די אַלטע זיסעל שלעפּט זיך אין גאָרטען, און גלייך צו מיר. איך האָב גאַר נישט פערשטאַנען וואָס דאָס הייסט. אפשר געהט זי מיך אויך בעטען? דאָס פעהלט נאָך טאַקי צום רימעל. נאָר אַז זי איז צוגעקומען צו מיר, האָט זי קיין איין וואָרט נישט גערעדט, זי האָט נור געטהון מיט איהרע קורצזיכטיגע קאַליע אויגען אַ שרעקליך בייזען קוק אויף מיר, געגעבען אַ שפּיי גלייך מיר אין פּנים און באַלד טאַקי אַוועק צוריק. און איידער איך בין געקומען צו זיך, הער איך ווי אונזער ר׳ איצע פּאַטשט מיט די הענד פון ווייטענס און שרייעט אויף אַ קול: „מזל־טוב, מזל־טוב! די אַלטע האָט זיך אָבגענומען איהרס צוריק נאָך מיט אַ הוספה, און אַ עק אַ סוף, מזל און ברכה!״ איך האָב נאָך אַלץ נישט אָנגעהויבען צו פערשטעהן דעם פּירוש פון דעם אַלעמען; נאָר אַז ר׳ איצע איז צוגעקומען צו מיר און געגעבען אַ זאָג: „וואָס זיצסטו נאָך, קראָליקעל, און בלאָזט זיך אַלץ ווי אַ הינדיק פאַר פּסח? וואָס פערשטעהסטו דאָ נישט, נאַריש קינד? די אַלטע זיסעל האָט מיט איהר שפּיי איצט צוריק די גאַנצע משא אַראָבגענומען פון דיר, נישט נור איהרע אייגענע עבירות נאָר אפילו דיינע אויך. איצט ביזטו גרינג ווי אַ פעדער; שטעה־אויף קראָליקעל, קום האַפּען אַ טענציל״, — דאַמאָלס ערשט איז מיר געוואָרען קלאָר אינגאַנצען די זאַך און אויפ׳ן האַרצען איז מיר ווירקליך געוואָרען אַזוי גרינג, אַזוי ליכטיג.

טאַנצען, אמת, בין איך נישט געגאַנגען מיט ר׳ איצע׳ן, נאָר עסען יאָ. ער, ר׳ איצע, האָט מיט זיינע ווערטער אָנגעמאַכט די גאַנצע צרה, און ער טאַקי אַליין האָט געפונען די רעכטע רפואה. באַלד נאָכ׳ן עסען בין איך געוואָרען ווייטער גאָר אַ אַנדער מענש, אַלע וואָלקענס זענען מיט אַמאָל פערשוואונדען, און די ליכטיגע זון שיינט ווייטער פאַר מיר מיט איהר פולען גלאַנץ. איך בין ווידער די זעלבע פרעהליכע, לעבעדיגע, גלייך ווי עס האָט זיך גאָר נישט פערלאָפען. אַך, ווי נעהמט מען זיי צוריק, אָט די טייערע, פרישע, גליקליכע קינדער־יאָהרען!

---

די מ—ם פונק האָט געענדיגט איהר געשיכטע, און איך האָב געגעבען אַ קוק אויפ׳ן זייגער און געזעהן אַז איך דאַרף שוין געהן.

שטעהענדיג שוין ביי דער טהיר אויף אַוועקצוגעהן, האָב איך אַ זאָג געגעבען:

— נאָך אַזאַ מעשה וואָלט איהר, דאַכט־זיך, געדאַרפט קינדסקינדער פערזאָגען אויף קיינעם נישט געבען אַ שפּיי, צום סוף האָט איהר נעכטען געוואָלט פויגליען אָנשפּייען אין פּנים.

— ערשטענס — האָט מיר מ—ם פונק געענטפערט מיט איהר געוועהנליכען שמייכעל — האָב איך נור געוואָלט, נישט געטהון. און צווייטענס, דאַרפט איהר וויסען, אַז אויף אַזעלכען צו טהון אַ שפּיי איז

גראדע גאר קיין שום סכנה נישטא: איהר מעגט זיין פערזיכערט, אזא כשר'ער יוד, ווי ער, איז געוויס אהן איין עבירה...

ר.

## ער, זכרונו לברכה, און זיינע מקורבים.

(פון פראסט חסידישען שטיינער).

VII.

און דאס אהבת-ישראל איז ביי איהם געוועזען אין-לשער.

דאס זענען זיינע ווערטער:

— "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" — מען דארף טהוען פאר זיי... ארבייטען פאר כל-ישראל!

— "אשר יצא ואשר יבא לפניהם" — פאר יעדען איש מישראל דארף דער מנהיג-הדור אויסגעהן און אונטערגעהן; מוסר-נפש זיי הייסט עס!

און אז עס הערט זיך א ניי גזרה, ווי ער זכרונו-לברכה האט געזיפצט, ווי ער, נעביך, האט געקרעכצט — — —

און וואס האב איך געדארפט מעהר?

VIII.

איין עצה אויף פרנסה האט מען ביי איהם אוודאי געקריגען.

א פאר וואכען איידער ער איז נסתלק געווארען, האב איך מיך פאר איהם געקלאגט, באשר בכן, זונתי לייזט זעהר ווענינ. זאגט ער מיר: פאהר אמאל ארייז קיין ווארשוי.

מיין איך, אז איך וויים, וואס ער מיינט!

אין ווארשוי, פערשטעהט איהר מיך, האב איך א קרוב, א יוד איין עושר, אפילו איין איש מכובד ביי יענע לייט — א גאנצער מאכער אין קהל-שטוב. קלער איך מיר, ער מיינט, איך זאל צו איהם פאהרען און זיך משתדל זיין מיט זיין הילף, זיך צו עפים צוצושלאגען.

וואונדערט מיך אפילו. ווארום געלד בעטען ביי איהם, איז א ברכה לבטלה; א קמצן א גרויסער, קיין הארטען דרייער גיט ער נישט אומזיסט, האלט זיך פאר א חכם-עתיק, וויל די וועלט פערזארגען און פרעגט באלד אויף א תכלית; פאר א הארטען דרייער וואלט ער געוואלט זיך קויפען עולם-הבא און מיך בעווארענען מיט עולם-הזה חאטש אויף א יאהר צוואנציג! בעטען א שטעל, האב איך שוין געפריווט! האט ער מיך געפרעגט, דער שוטה, צי איך קען פויליש!

נו, מילא, אז ער הייסט אבער פאהרען, פאהר איך. איך וועל שוין זעהן וואס צו טהון, איך וועל שוין עפים אויסקאשפערען!

ווייזט זיך אבער אוים, אז ער זכרונו-לברכה האט גאר עפים אנדערש געמיינט.

איך זיץ אויף דער באהן, איך גיב א קוק, זיצט נעבען מיר א ספאדיקיל. א ווארט צו א ווארט: וואו פאהרט א יוד? לכתחלה שווייגט ער; ציה איך איהם ביי דער צונג, קומט ארויף ווי בוימעל אויפ'ן וואסער, אז דאס איז א קליינשטעדטילדיג רבי'ל, און ער פאהרט ארייז קיין ווארשוי, און וויל דארט ווערען דיין...

וואס קלערט איהר? איך חאפ א פינף-און-צוואנציגער, איך זאל רעדען פאר איהם א גוט ווארט ביים קרוב.

נאר איין עהרליכער מאן בין איך! בפירוש הותנה, אז איך דארף נור רעדען, צי עס וועט פועל'ן, איז שוין נישט מיין זאך.

דעם סוף פון דער מעשה, וויים איך נישט עד-היום, נאר א פסח האב איך געמאכט, אויף כל-ישראל געזאגט!

## ב) זכרונו לברכה, דעם רבי'נס מקורבים.

IX.

דעם רבי'ן, זכרונו-לברכה'ס מקורבים האב איך שוין דערמאנט.

ערשטענס: וואלף-בער!

ער, זכרונו-לברכה, פלעגט זאגען: וואלף-בער איז א יוד!

דערנאך ערשט איז געגאנגען נאסקע!

און עס איז קיין וואונדער נישט.

וואלף-בער האט זכיה געהאט צו לערנען מיט'ן רבי'ן אין איין חדר. מען זאגט אפילו, אז וואלף-בער איז מעהר עלוי געוועזען, און פלעגט דעם רבי'ן מביש זיין! נאר איינמאל איז ער דערפאר געשטראפט געווארען; יונגליך, האבען זיי אמאל געקלעטערט אויף א דאך, און וואלף-בער מאכט צו איהם: זעהסט, קלעטערען קאנסט דו, קיין מעשה נישט, אבער לערנען?... תוך-כדי-דבור איז ער אראבגעפאלען און גע־מאכט זיך א לאך אין קאפ. ער האט זיך אפילו אויסגעהיילט, נאר דער חתוך-הדבור איז איהם קאליע געווארען, און ווען ער האט געוואלט ווייזען זיין חריפות, האט ער אנגעהויבען שטאמלען און שטאמלען, און האט נישט געקאנט אויספיהרען, וואס ער האט געוואלט. ער פלעגט מעהר רעדען מיט די הענד, ווי מיט'ן מויל...

נאר געוואוסט האט מען, וואס פאר א כלי דאס איז.

ער האט א גוטען שדוך געטהון, נאר אהן מזל, האט ער אנגע־ווארען דאס געלד, און איז געקומען צום רבי'ן פאר א מלמד!

אז דער רבי האט ביידע זיהן חתונה געמאכט, האט ער אין וואלף-בער'ן נישט פערגעסען.

עס איז געוועזען חול-המועד-סוכות, געהט דער רבי צו צו נאסקין, גיט איהם א קלאפ אין פלייצע אריין און זאגט איהם:

— ביסט טאקי א בעל-צדקה, נאסקע, וועסט האבען עולם־הבא, נאר לערנען קענסט דו נישט; און אויף יענער וועלט, וועט מען דיך ערשט שיקען אין חדר אריין!

— וואס זאל איך טהון, רבי!

— נעם דיר — זאגט דער רבי — אהיים וואלף-בער'ן. מאך איהם דארט א מעמד, און מיט דיר זאל ער לערנען יעדען טאג פאר'ן דאווענען אביסל משניות.

וכך-הוה; וואלף-בער האט זיך בעזעצט אין אונזער שטעדטיל.

(פארטזעצונג קומט). — י. ל. פרץ.

## בריעפקאסטען דער אדמיניסטראציאן

ה' רוזין בוטען-טולא: פיר ענדערן די אדרעסע ביטע צוצושיקען 20 ק"פ.

אבאנענט נו' 2065—האמעל: עס איז א פראסטער חשבון: 4 מאהל 30 איז 1.20 ר', אלזא פאר 4 קאלענדארען 1.20 און '25 ק' פארטא, איז צוזאמען 1.45ר"כ. — דעם 2-טען באנד "וועלטגעשיכטע" שוין ארויסגעשיקט —

ה' א. ר.—חאט—ק: די גענוי אדרעסע פון דעם סטרייער רבין ווייסען מיר ניט —

ה' י. שאץ-פערנ—וו: ביטע נאך 25 ק"פ, ווייל "דער יוד" איין ¼ יאהר קאסט 1.50 און "Die Welt„ 1.75 ר"כ צוזאמען 3.25 ר"כ —

פ. קלארא ל—ג יעדינעץ: פיר 1 ר"כ האבען מיר אייך פעשריעבען נאך אויף 2 מאנאטען דעם "יוד" צושיקען, ווייל איין ¼ יאהר קאסט 1.50 ר"כ —

ה' מ. מ. סטאלעדזאני: א) די "וועלטגעשיכטע" ארויסגעשיקט ב) איין נומער 40 בעזארגט, ג) דאס בוך קאסט 25 ק"פ. —

ה' מ. זאדאוו: די נו' 1 פעהלט.

ה' א. ק. קלעצעק: אלע 4 חלקים, נעטא, וועלען אייך קאסטען 4.87 ר"כ, די "וועלטגעשיכטע" האבען מיר אייך שוין ארויסגעשיקט.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Red. M. Berkowicz — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer, Krakau

## נ ד ב ו ת

פיר די פ ו ע ל י ם אין א״י: יעקב ראוענפעלד בשעת הזכרת נשמה פון זיין מוטער 1 ר״כ און פרומע הערשקאוויטץ בשעת הזכרת נשמות פון איהרע עלטערן 50 ק״פ צוזאמען 1,50 ר״כ

ה׳ ד״ר שאול לנדא אין קראקוי 80 העלער.


## פיר די אבאנענטעז פון „יוד״!

מיר האבען געלאזט פערפערטיגען

# איינבאנד-דעקיל

צום „יוד״ יאהרגאנג 1901, פראכטפאל אין 2 פאר־בען געדרוקט און רעע, אויסגעפיהרט לויט דיזעם מוסטער.




פרייז 75 קאפ. מיט פארטא 90 קאפ.

**Издательство „Ахіасафъ“, Варшава.**

**Verlag „Achiasaf“, Warschau.**

אדער ביים איינבינדער:

А. Камень, Варшава, Сольная № 10.



Паровая Типографія

**Ш. М. ВОЛОБРИНСКАГО**

ВЪ БѢЛОСТОКѢ

ИЩЕТЪ ОПЫТНАГО УПРАВЛЯЮЩАГО.



# The Jewish Colonial Trust, Limited.

## (יודישע קאלאניאל־באנק)

## מ ו ד ע ה

מיר זענען הערמיט מודיע, אז די פיערטע ארדענטליכע

# אסיפה כללית

## פון די אקציאנערען פון

Jewish Colonial Trust Limited

(יודישע קאלאניאל־באנק),

וועט זיין אין שטאדטקאזינא אין באזעל, שווייץ

מאנטאג דעם 30־טען דעצעמבער 1901,

פונקט 10 א זייגער אין דער פריה.

### דאס פראגראם פון דער אסיפה:

דין וחשבון פון די דירעקטארען און די רעוויזארען.

וויבארעס פון נייע דירעקטארען און רעויזארען.

די דורכפיהרונג פון די געוועהנליכע פונקטען פון פראגראם און אנדערע זאכען, וואס מען קען פריהער נישט פארויסזעהן.

לויט די תקנות ווערען געשלאסען די טעג פון 17-טען דעצעמבער 1901 ביז דעם 30 דעצעמבער 1901 (ביידע טעג בכלל) די אקציען-ביכער און דער רעעסטער פון מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט.

לאנדאן דעם 28 אקטאבער 1901.

אין נאמען פון דירעקטאריום

**דזשעמס ה. לעווע**

גענעראל-סעקרעטאר.

Brook House, Walbrook, London E. C.

עס דרוקט זיך און עס וועט גיך ארויס א נייע בוך

# צֶעהֶען מַעֲשִׂיוֹת פַאר יוּדִישֶׁע קִינְדֶער

(אלטע און נייע)

פון

שלום־עליכם.

מיט'ן בילד און פאקסימילע פונ'ם מחבר.

פרייז 1 רוב' (מיט פארטא).

אדרעסירען:

Въ Кіевъ. Типографія Розета.

---

**Новооткрытые „Московскіе Номера“**, комфортабельно устроенные съ образцовой прислугой. При номерахъ домашній ресторанъ. Цѣны отъ 50 к. до 3 руб. за номеръ. Х. Мосевицкій, Варшава ул. Новолипки 10, противъ 2-ой Гимназій.

---

**א. וואלף, דענטיסט.**

(DENTISTE)

ווארשא, קארמעליצקא נו׳ 27.

---

## לבעלי בריתי לזכרון תמיד!!!

אדריסתי היא רק בת ג׳ מלים:

Я. Нейдичъ Варшава.

---

## !! מעבלירטע צימער !!

מוסטערהאפט זויבער און בעקוועם איינגעארדענט, אים פרייזע פון 50. 60. 75, 90, 1.25, 1.50 ביז 2 רו"כ א טאג. באדע־צימער (וואננעס), גאז־בעלייכטונג. רעעלע בעהאנדלונג און פינקטליכע בעדיענונג. מיטטאגע פריזע און שמאקהאפטע פון 35 קאפ. אן, סאמאווארען א 10 קאפ.

ה. דווארעצקי, סט.־יערסקא נו׳ 34.

Меблированныя комнаты
Х. М. Дворецкаго, Варшава
Св. Георгія 34.

---

## צוקערניע ש. שפינעלגלאז

ווארשא, נאלעווקי Nr. 10

(פארמאלס אינעלזאהן) וועלכע עקזיסטירט זייט 18 יאהר. פון דער צייט און זייט איך האב זי איבערגענומען אונטער מיינע אויפזיכט האב איך פיעל פערבעסערונגען איינגעארדענט. רייך, כשר, בילין. בעשטעלונגען ווערען פינקטליך אויסגעפיהרט, היער און אויף דער פראווינץ. פיעלע ראנקען בריעפליך אויך מינדליך.

די צוקערניע בעזיצט 21 צייטונג צום לעזען.

---

## דאנטיסט

### בערלין־קרופיצקי, ווארשא

נאלעווקי נו׳ 7

ספעציאליטעט־קינסטליכע צאהנע קאראנען און בריקען ארבייט (אהנע גומען).

!! רעפערירט אין 2 שטונדען !!

---

## עס איז יעדען נייטהיג צו קויפען



פּרייזגעקרוינט ג זמאלדען
Nr 10913

ביי דעם ערפינדער אליין, די לעצטע ניי־ערפונדענע מאסיווע נאפט־גאזאווע קיך אהן א קנויט „עקאנאמיא" מיט א פליטע „בעקוועמליכקייט". ברענט מיט א טרוקענעם גאז, קאכט געשווינד, ניט גישט ארויס קיין שום גערוך און רויך, און פערניצט אין איין שטונדע פאר ½ ק׳ נאפט. מען קען אויך רעגולירען דאס זידען ווי מען וויל. איך שיק ארויס פער נאכנאהמע. דער פרייז מיט אלע געשיר מיט פארטא: 1 שטיק—3,10 ר׳, 2 שטיק נור 5,60 ר׳; מיט 2 רעזערוואארען אויף וועלכען מען קען מאכען גלייכצייטיג 2 כלים - 1 שטיק—5,25 ר׳. אין די ווייטע ערטער ווערט צוגעלייגט פארטא פאר'ן געוויכט.

דער ערפונדער: I. Французъ, Варшава. Королевская 49j.

---

ניי ערעפענטע יודישע קאנדיטאריי פון

## געברידער קאטליצקי,

ווארשא. נאוואליפקי 8.

(„האטעל ראססיא")

נעהמט אויף בעשטעלונגען אויף צוקער־געבעקס, קאנפעקטען, מאראזעננאע טארטען, צעקאלאדען, קרעמען א. ז. וו. אויף האכצייטען און בעלער היער און אויך ארויסצושיקען אויף דער פראווינץ

צו מעסיגע פרייזען.

---

**Парижская папиросная бумага**

## „ЛЕ ДЕРНІЕРЪ КАРТУШЪ“.

требовать исключительно гильзъ а также папиросныхъ книжекъ изъ настоящей французской бумаги „Ле Дернієръ Картушъ“.

Бумажка эта признана Химическ. Лаборат. Варшав. Императ. Унив. самою лучшею.

Образцы бумажки разныхъ сортовъ высылаетъ безплатно.

**ТОРГОВЫЙ ДОМЪ**

Л. ЗИЛЬБЕРЛЯСТЪ

въ ВАРШАВѢ

Граничная улица № 6.

---

# Die ✡ Welt

Zentral-Organ der Zionisten, erscheint am Sitze und unter Aufsicht d. Actions-Comites zu Wien an jedem Freitag und bringt zu allererst authentische Nachrichten über die zionistische Bewegung u. die Colonialbank.

**ABONNEMENTSPREIS für RUSSLAND:**

Ganzjährig Rub. 7, ½-jährig Rub. 3,50, ¼-jährig Rub. 1,75. Für Inserate: die 4 Mal gespaltene Petitzeile 10 kop.

Unsere Agentur für Russland hat der

## Verlag „Achiasaf“, Warschau.

Die Administration „Die Welt“ Wien IX
Türkenstr. 9.

---

ספעציעלע פאבריק

## פון דימאנטען

צו גלאסשניידען.

צו זעהר מעסיגע פרייזען.



Я. Шефтель,

ВАРШАВА

Налевки 9, кв. 17,

---




---

## אהוב את המלאכה

אלע סארטען שפיגעל - מאַשינען גרינדליך לערנט אויס דורך בריעפע

דער 25 יעהריגער פראקטיקאנט אין די שפיגעלפאבריקאציאן

**Юдка Вейнблятъ**

Варшава, Слизская 22.